די אָרגאַניזאַציע פֿון די „פֿאַראייניקטע פֿעלקער״ האָט דעם 25־טן נאָוועמבער באַהאַנדלט דעם ענין „מיטל־מזרח פּראָבלעמען״ און האָט באַשלאָסן אויפֿצופֿאָדערן מדינת ישׂראל, אַז ביז דעם ערשטן יוני 1977 דאַרף זי זיך צוריקציִען פֿון אַלע „פֿאַרנומענע געביטן״ נאָך דער 1967 מלחמה און די דאָזיקע צוריקגעגעבענע געביטן דאַרפֿן נישט אַוועקגעגעבן ווערן די אַראַבישע מלוכות ווי: יאָרדאַן, סיריע און עגיפּטן, נאָר צו די פּ.ל.אָ. וועלכע דאַרפֿן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון יונ״אָ און דער „נייטראַלער״ אַראַבישער ליגע אויפֿשטעלן אַ נייע מלוכה פֿון „דעמאָקראַטיע און פֿרייהייט״ פֿאַר אַלע פֿעלקער אין שכנות פֿון דער ישׂראל מלוכה.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פֿאָרשטייער פֿון מדינת ישׂראל ביי דער יונ״אָ, חיים הערצאָג, האָט גלייך פֿאַראורטיילט די דאָזיקע ציניש רעזאָלוציע, ווינטשנדיק אַלע שונאים פֿון דער ייִדישער מדינה און ייִדישן פֿאָלק, אַז זיי קענען באַגיין נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד ווען זיי ווילן, נאָר אַליין, מדינת ישׂראל וועט אַזאַ נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד נישט באַגיין צו להכעיס די אַלע „פֿרייהייט ליבנדיקע״ פֿעלקער...

כּדי צו באַקרעפֿטיקן דעם ווייטיקלעכן אויסגעשריי פֿון דעם ישׂראלדיקן פֿאָרשטייער ביי דער יונ״אָ, ווילן מיר איבערגעבן אַן אינטערוויו וואָס אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון מערבֿ־דייטשישן זשורנאַל „די צייט״ האָט מיט אַ

ד״ר מ. פערשטענדיק

# די אַראַבישע וועלט אין איר אייגענעם שפּיגל

אַ בליק אויף דער מאַפּע: מאַראָקאָ און אַלזשיר — שונאים, שלאָגן זיך איבער דער שפּאַנישער ירושה אין סאַהאַראַ; טוניס און ליביע — שונאים, ווייל טוניס וויל זיך פאַראייניקן מיט גאַדאַפיס מדינה; ליביע און מצרים (און סודאַן) — שונאים, סאַבאָטאַזש־אַקציעס, די אַרמייען אויף דער גרענעץ; מצרים און סיריע אין קאָנפליקט, די צוויי לענדער קאָנקורירן פאַר דער אָנפירערשאַפט אין דער אַראַבישער וועלט; סיריע און איראַק — ביטערע שונאים. די הויפּט וואַסער־ליניע פון איראַק פליסט פון צפון דורך דער סירישער טעריטאָריע. סיריע שעפּט די וואַסערן און ס׳בלייבט נישט גענוג פאַר איראַק. סיריע האָט געמוזט אָפּציען דער גרעסטן טייל פון איר אַרמיי ביים גולן צו דער איראַקישער גרענעץ. צווישן סיריע און דעם מיטל־לענדישן ים געפינט זיך לבנון, וואו די סירישע אַרמיי איז טיף אַנגאַזשירט אין בלוטיקע שלאַכטן.

* * *

לבנון איז אַ מאָל געווען די שווייץ פונעם מיטעלן מזרח. אַ פאַרלעסלעכער האַנדלס און באַנק־צענטער אין דער אַראַבישער וועלט. אַ מאָל געווען... קוים 19 חדשים צוריק... געווען אַ באַפעלקערונג פון דריי מיליאָן אַראַבער. היינט — אין פאַרלויף פון קוים אַנדערטהאַלבן יאָר — אַן ערך 50 טויזנט טויטע, אַ 200 טויזנט פאַרוואונדעטע; אַ מיליאָן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

די סיבות פון דעם בירגער־קריג זענען באַקאַנט. די אַראַבישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען אומגעפער פון אַ העלפט מוסולמענער און אַ העלפט פון אַראַבער־קריסטן. האָבן די בירגער קאָנסטרואירט אַ רעזשים, וואָס האָט באַלאַנסירט די פאָרשטייערשאַפט פוןביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג. דער פּרעזידענט — אַ קריסט; דער פּרעמיער — אַ מוסולמענער. (די קאָנסטיטוציע האָט באַלאַנסירט די פּרעראָגאַטיוון פון דיביידע מלוכה־אָנפירער). מיט דער צייט האָט זיך דער באַפעלקערונג־באַלאַנס איבערגעוואויגן צום גונסטן פון די מוסולמענער צוליב זייער גרעסערן נאַטירלעכן צווואוקס און די אויסוואַנדערונג פון קריסטן.

נעמענדיק אין באַטראַכט דעם געענדערטן באַפעלקערונג־צושטאַנד האָבן די מוסולמענער פאַרלאַנגט אַן ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע. אַלס אַ מערהייט, האָבן זיי פאַרלאַנגט צו שאַפן אַ מוסולמענישע ממשלה. פון דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט — אַ גערעכטע טענה... די קריסטן האָבן אָפּגעוואָרפן די מוסולמענישע טענה, וויסנדיק אַז אין דער אַראַבישער וועלט זענען פאַראַן אַן ערך 25 מיליאָן קריסטן־אַראַבער אויף געהאַקטע צרות. אַלס מינדערהייט האָבן די קריסטן קלאָר געמאַכט זייער שטעלונג: סטאַטוס קוואָ, אָדער „חלוקה" — צעטיילן לבנון אין צוויי מדינות — אַ קריסטלעכע און אַ מוסולמענישע. אַ גערעכטע טענה.

אגב — לבנון איז לכתחילה געווען אַ קליינע ריין־קריסטלעכע מדינה און אין יאָר 1926 האָבן די פראַנצויזן — די מאַנדאַטאָרן פון דעם גאַנצן געביט — פאַרגרעסערט דעם שטח פון לבנון מיט טעריטאָריעס באַוואוינט פון מוסולמענער. אַ סברא אַז סתם פאַרגרעסערן אַ מדינה מיט נישט אייגן־באַוואוינטע טעריטאָריעס — איז נישט קיין מציאה...

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג. די אַראַבישע קריסטן האָבן שוין לאַנג נישט קיין צוטרוי צו זייערע מוסולמענישע ברידער און האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגענע גוט באַוואָפנטע מיליציע. צו די מוסולמענער זענען גלייך צוגעשטאַנען די פּ.ל.אָ.־איינהייטן פון זייערע באַזעס אין לבנון. היות דער באַגריף „מוסולמעניש־קריסטלעכע בירגער־מלחמה" האָט דיסקרעדיטירט זייער פאַרעטערישע לאָזונג פאַר אַ „סעקולערע יידיש־אַראַבישע מדינה", האָט די פּ.ל.אָ.־פּראָפּאַגאַנדע אָנגע־

געוויסער צייט צוריק געהאַט מיט זוהאַר מושין, דעם „פאַרטיידיקונג־מיניסטער" פון פּ.ל.אָ. און איינער פון אירע הויפּט־קאָמאַנדירן.

„די צייט": לויט אייערע און אייערע חברימס ווערטער אין נאָמען פון פּ.ל.אָ., געשריבענע און גערעדטע, קומט אויס, אַז מען דאַרף צונעמען די רעכט פון די ישראלים צו עקזיסטירן אין זייער אייגענעם שטאַט.

זוהאַר מושין: זיי וועלן דאָס עווענטועל במילא דאַרפן אָננעמען. אונדזער רעכט צו עקזיסטירן אין גאַנץ פּאַלעסטינע מוז קומען פריער... מיר ווילן צוריקנעמען יעדעס פיצל לאַנד, יעדע שוועל, יעדעס דאָרף און יעדעס הויז...

„די צייט": קאָן עמיצער פאָרשלאָגן די ישראלים אַז זיי זאָלן באַגיין אַזאַ מין נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד?

זוהאַר מושין: זיי וועלן זיך דאַרפן אויסלערנען דאָס צו פאַרשטיין. אָבער זיי וועלן נישט פאַרשטיין ביז זיי וועלן ענדערן זייער אויסקוק. דאָס וועט געשען ווען זיי וועלן שטיין אויף די קני פאַר אונדז, ווען מיר וועלן זיי האָבן צעשמעטערט אויף פיצלעך מיטן כוח פון אונדזער געווער...

און די שונאים פון ישראל און פון יידישן פאָלק וועלן נאָך האָבן די חוצפה זיך צו וואונדערן ווען ישראל האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן די יו״ן־רעזאָלוציע פון 25־טן נאָוועמבער...

רופן דעם בירגער־קריג — אַ קאַמף פון די לינקע קעגן די רעכטע; פּראָגרעסיווע קעגן רעאַקציאָנערן; אָרעמע קעגן רייכע... (דער אָנפירער פון די אָרעמע מוסולמענישע לינקע — קאַמאַל דזשונבלאַט — איז אַ פעאָדאַלער לאַנד־באַזיצער, אַ מיליאָנער...).

די ערשטע רונדע פונעם בירגער־קריג: די קריסטן שלאָגן די מוסולמענער און קאָנסאָלידירן די טעריטאָריע פאַר דער חלוקה („פּאַרטישן”).

די צווייטע רונדע: סיריע אינטערווענירט. דער לינקער סירישער רעזשים האָט זיך „נאַטירלעך” געשטעלט אויף דער זייט פון די לינקע מוסולמענער אין לבנון. „נאַטירלעך”... די סירישע אינטערווענץ איז געווען „אומדירעקט”. זי האָט אַריינגעשיקט קיין לבנון די „סייקאָ”־איינהייטן. אָפיציעל זענען די „סייקאָ” פּאַלעסטינעזער (מיטגלידער פון דער פּ.ל.אָ.) סטאַציאָנירט אין סיריע. פאַקטיש זענען די איינהייטן דורכגעדרונגען מיט סירישע זעלנער און קאָמאַנדירט דורך סירישע אָפיצירן. די צווייטע רונדע געהערט צו די פּאַלעסטינעזער און לינקע מוסולמענער. זיי מאַרשירן פאָראויס, דעראָבערן דערפער און שטעטלעך, שחטן די קריסטלעכע איינוואוינער.

די דריטע רונדע: סיריע פאַרבינדט זיך מיט די קריסטן — די רעכטע — און הייבט אָן אַן אויסראָטונג־קאַמף קעגן די פּאַלעסטינעזער — די לינקע... אַזאַ פּלוצלימדיקע „אומנאַטירלעכע” ענדערונג האָט אַרויסגערופן אַ צעטומלעניש אין דער גאַנצער וועלט. ממש אַן איבעררואַשונג.

די צעטומלעניש ליגט אין די באַגריפן, וואָס פאַר סיריע איז „נאַטירלעך” און „אומנאַטירלעך”. דאָס קען אויפגעקלערט ווערן נאָר אין די אינערלעך אַראַבישע פאַרהעלטענישן און אין דעם ליכט אָדער שאָטן פון דער לבנונישער טראַגעדיע.

* * *

אין דעם ערשטן יאָר נאָך דער יום־כיפּור מלחמה איז דער גראַוויטאַציע־צענטער פון דער אַראַבישער וועלט געווען מצרים. סאַדאַט איז געווען דער וואָרטזאָגער. דער באַראָמעטער פון דער אַראַבישער „סאָלידאַריטעט” איז געשטיגן אָדער געפאַלן לויט דער שטימונג פון סאַדאַטן. אַלטערנאַטיוו האָט ער געפּרעדיקט עגיפּטיאַניזם (דער באַראָמעטער איז געפאַלן), אָדער נאַסעריזם (דער באַראָמעטער איז געשטיגן). עגיפּטיאַניזם: די מלחמות קעגן ישראל האָבן געדינט די אינטערעסן פון אַנדערע און האָבן גורם געווען אַז מצרים איז היינט דאָס אָרעמסטע אַראַבישע לאַנד. איצט — האָט סאַדאַט צוגעזאָגט — וועט זיך מצרים קאָנצענטרירן אויף אַנטוויקלונג, ווידער־אויפבוי א.אַ.וו.

ווען דער באַראָמעטער איז געפאַלן — איז אויך געפאַלן די שטיצע פון פּעטראָדאָלאַרס. האָט זיך סאַדאַט געכאַפּט און אַלטערנאַטיוו גערעדט בלשון נאַסער: מצרים איז די גרעסטע אַראַבישע מדינה, קאָמאַנדירט מיט 20 שטימען אין יונ”אָ; ער, סאַדאַט, פירט אָן די אַראַבישע וועלט א.אַ.וו.

אינעם צווייטן יאָר נאָך דער יום־כיפּור מלחמה גראַוויטירט לאַנגזאַם דער צענטער קיין סיריע. דער סירישער פּרעזידענט אַסאַד האַלט נישט קיין דראַמאַטישע רעדעס, אָבער זיינע לאַנגזאַמע פּאָליטישע שריט זענען עפעקטיוו. ער דערנענטערט זיך צום קעניג פון ירדן (אַ געמיינזאַמער קאָ־אָרדינאַציע קאָמיטעט). אין מערץ 1975 שלאָגט ער פאָר אַ געמיינזאַמע מיליטערישע קאָמאַנדע מיט דער פּ.ל.אָ. ער ווערט דער הויפּט אַדוואָקאַט פון דער פּ.ל.אָ. אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. צוזאַמען מיט דער פּ.ל.אָ. פירט ער אָן אַ העצע קעגן סאַדאַטן (פאַרראַט פון די אַראַבישע אינטערעסן) און ווען די פּ.ל.אָ., וואָס איז צוגעשטאַנען צום בירגער־קריג אין לבנון — באַקומט קלעפּ — אינטערווענירט „נאַטירלעך” סיריע לטובת דער פּ.ל.אָ.

דער ציל פון אַסאַד איז קלאָר: „גרויס סיריע” — אַן עקסקלוזיווער שטח פאַר פּאָליטישן איינפלוס; דער שטח דאַרף אַרומנעמען סיריע, דעם קעניגרייך פון ירדן, לבנון און „פּאַלעסטינע” פון דער פּ.ל.אָ. נישט אינטעגראַציע, נאָר אַ דע־פאַקטאָ צושטאַנד פון פּאָליטישער דאָמינאַציע.

מיט דער הילף פון די „סייקאָ”־סירישע איינהייטן האָבן די פּ.ל.אָ. און די לינקע מוסולמענער צוריק דעראָבערט די פאַרלוירענע פּאָזיציעס און נאָך מער, און דאַן האָבן די סירער באַפוילן: סטאָפּ! שלום מאַכן! צוריק אויפשטעלן דעם סטאַטוס קוואָ (אַ ביסל אויסגעבעסערט לטובת די מוסולמענער) און סיריע וועט בלייבן דער גאַראַנטאָר פאַר שלום אין לבנון (צווישן די קריסטן און מוסולמענער) און אַזוי אַרום פאַרווירקלעכן איר דאָמינאַציע־פּלאַן.

אין דעם מאָמענט איז געקומען די אַנטוישונג. די פּ.ל.אָ. האָט דערשמעקט בלוט און טאָטאַלן נצחון; אַ מעגלעכקייט צו עטאַבלירן אַ פּאַלעסטינעזיש־מוסולמענישע מדינה אין לבנון... קעגן די באַפעלן פון סיריע האָט די פּ.ל.אָ. אונטערגענומען אַן אָפענסיווע אויף די מידע אויסגעמאַטערטע קריסטלעכע פּאָזיציעס. אַ דאָרף נאָך אַ דאָרף, אַ שטעטל נאָך אַ שטעטל, איין שחיטה נאָך דער אַנדערער.

ביי אַט אַזאַ צושטאַנד איז געקומען די ראַדיקאַלע ענדערונג פון סיריע. ממש אַן איבעררואַשונג. סירישע דיוויזיעס, שווער באַוואָפנטע האָבן אָפיציעל אַריינמאַרשירט קיין לבנון צו הילף די קריסטן קעגן די פּ.ל.אָ. די בלוטיקע אויסראָטונגס אַקציע קעגן די פּ.ל.אָ. האָט זיך אָנגעהויבן.

„נאַטירלעך” אָדער „אומנאַטירלעך”?

אַסאַד האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט און דערזען אַז נישט בלויז זיין חלום וועגן „גרויס סיריע” צערינט זיך,

נאָר די נייע אַנטוויקלונג קאָן שטעלן די עצם עקזיסטענץ פון סיריע אין אַ לעבנס סכנה.

די סצענאַריאָ: די פּ.ל.אָ. און לינקע שאַפן אַ רעגירונג אין לבנון. לבנון ווערט גלייך באַוואָפנט דורך די סאָוויעטן. איבערנאַכט געפינט זיך סיריע צווישן אַ פּ.ל.אָ. מדינה פון איין זייט און איראַק (באַוואָפנט דורך די סאָוויעטן) פון דער אַנדערער זייט. דער געאָפּאָליטישער ציל פון איראַק איז צו אַנעקסירן דעם מזרחדיקן טייל פון סיריע לענגאויס דעם עופראַט־טייך (די לעבנס־ליניע פון איראַק). פאַרוואָס וועט אַ פּ.ל.אָ. מדינה אין לבנון איינגיין אויף אַן אַגרעסיווער קאָנספּיראַציע מיט איראַק קעגן סיריע? דער ענטפער איז פּשוט: אין אַ צוויייזייטיקער מלחמה קעגן סיריע וועט איראַק פאַרכאַפּן דעם מזרחדיקן טייל פון סיריע און די פּ.ל.אָ. וועלן פּרובירן צו פאַרכאַפּן דעם דרומדיקן טייל פון סיריע אין אַן אָפּעראַציע צו דערגרייכן דאָס קעניגרייך פון ירדן און ליקווידירן כוסיין (אַ סך לייכטערע אָפּעראַציע, ווי צו דערגרייכן דעם עבר הירדן דורך אַ מלחמה מיט ישראל...).

און וואָס וועט זאָגן רוסלאַנד? זי וועט שיקן אירע ברכות צו איראַק און די פּ.ל.אָ., כדי צו געבן אַסאַדן אַ לעקציע הלמאי ער האָט ווידערשפּעניקט דעם פּרעמיער קאָסיגין.

אָט די דאָזיקע סצענאַריאָ האָט גורם געווען די איבעררעשנדיקע ראַדיקאַלע ענדערונג פון סיריעס שטעלונג. סיריע האָט איינגעזען, אַז ס'איז אין אירע לעבנס־אינטערעסן צו צעברעכן מיט אַלע מיטלען דעם כוח פון דער פּ.ל.אָ. דאָס מיינט אָבער נישט אַז סיריע צילט טאָטאַל צו ליקווידירן די פּ.ל.אָ. סיריע וויל האָבן פאַר אירע אינטערעסן אַ פּ.ל.אָ. (נישט דווקא אין די אינטערעסן פון די פּאַלעסטינעזער...). אַ פּ.ל.אָ., אָבער אַ רעדוצירטע און אָפּגעשוואַכטע, אַז זי זאָל זיין נישט מער, ווי אַ וועררקצייג פון דער סירישער רעגירונג.

דערווייל האָט דער סירישער בלוטיקער שטורעם קעגן די פּאַלעסטינעזער געבראַכט אַ זעלטענע קאָנסטעלאַציע אין דער אַראַבישער וועלט. רעגירונגען און רעזשימען, שונאים צווישן זיך — ליביע, מצרים, איראַק — האָבן געפונען אַ בשותּפותדיקע שפּראַך אין אַ פּאָליטישער אָפּענסיווע קעגן סיריע. חלילה נישט אין די אינטערעסן פון דער פּ.ל.אָ., נאָר ווייל יעדע פון די דריי מדינות האָט אירע אייגענע חשבונות מיט סיריע.

און נאָך אַ פּאַראַדאָקס: די בלוטיקע ליקווידאַציע פון די פּ.ל.אָ., קעגן וועלכע מצרים האָט אויפגעהויבן אַ הימל־געשריי, איז דווקא אין די אינטערעסן פון מצרים און דאָס צעשמעטערן דעם פּ.ל.אָ.־כוח וועט ברענגען אַ דערנענטערונג צווישן סיריע און מצרים און צווישן סיריע און אַמעריקע. מאָסקווע האָט דאָס גלייך פאַרשטאַנען און דאָס איז געווען די סיבה וואָס דער קראַנקער קאָסיגין איז גלייך געקומען קיין סיריע, איינזעענדיק אַז די נייע אַנטוויקלונג באַדראָט דעם סאָוויעטישן איינפלוס אין דעם גאַנצן געביט. ווי באַוואוסט, איז קאָסיגינס אינטערווענץ געווען אַ דורכפאַל.

* * *

דער אַנאַליז פון דער אַראַבישער וועלט אין שפּיגל פון דער לבנונישער טראַגעדיע וואָלט נישט געווען פולשטענדיק, אָן צו באַהאַנדלען דעם צוזאַמענשטעל און די אויסזיכטן פון דער פּ.ל.אָ.

די פּ.ל.אָ. איז אַ קאָאַליציע פון דריי הויפּט־גרופּן: 1) די סייקאָ־גרופּע, סטאַציאָנירט און קאָמאַנדירט פון סיריע; 2) די אַל־פאַטאַך גרופּע, וואָס איז די באַזע פון יאַסיר אַראַפאַט; 3) „דער אָפּוואַרפנדיקער פראָנט", וואָס באַשטייט פון דריי ראַדיקאַל לינקע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעפירט (רעספּעקטיוו) פון דזשאָרדזש כאַבאַש, האַוואַטמע און דזשיבריל. אויפן באַפעל פון סיריע האָט די סייקאָ גרופּע געקעמפט קעגן די צוויי אַנדערע פּאַלעסטינעזער גרופּעס (אַ בירגער־קריג צווישן די פּאַלעסטינעזער...).

די לאַגע פון דער פּ.ל.אָ. איז כמעט האָפנונגסלאָז. די גרעסטע מפּלה פון דער פּ.ל.אָ. איז געווען דאָס פאַלן פון זייער לאַגער תּל־על־זאַטאַאַר. דאָס איז געווען זייער „סטאַלינגראַד". דאָס פאַלן פון דעם לאַגער האָט צעבראָכן דעם חוש השדרה פון דעם מיליטערישן און פּאָליטישן כוח פון דער פּ.ל.אָ. די לעצטע מפּלות אין די בערג מזרח פון ביירוט, זענען געווען זייער בלוטיק, אָבער פּאָליטיש און פּסיכאָלאָגיש איז דאָס פאַרלירן דעם לאַגער געווען די דעצידירנדיקע און דערשיטערנדיקע מפּלה.

די פּ.ל.אָ. האָט איצט צוויי מעגלעכקייטן: קאַפּיטולאַציע צו סיריע (באַשיינט מיטן וואָרט „קאָמפּראָמיס"). סיריע וואָלט זיי דערלויבט צו פאַרבלייבן אין דרום־טייל פון לבנון ביי דער ישראל־גרענעץ, אָבער נאָר אַלס אַ וועררקצייג פון סיריע. דאָס איז אָבער אויך קאָמפּליצירט, ווייל דער „אָפּוואַרפנדיקער פראָנט" פון כאַבאַש, האַוואַטמע און דזשיבריל וועלן וואַרשיינלעך אויף דעם נישט איינגיין; זיי האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין צוטרוי צו סיריע. אויך די קריסטן, וואָס האָבן איצט אַ פאַרהעלטנישמעסיק שטאַרקע אַרמיי, וועלן נישט אָננעמען פרייוויליק אַזאַ לייזונג. די אַנדערע אַלטערנאַטיוו פאַר די פּ.ל.אָ. איז צו פאַרלאָזן לבנון — די לעצטע טעריטאָריעלע באַזע, וואָס גרענעצט זיך מיט ישראל, און איבערטראָגן זייערע רעשטלעך קיין איראַק און ליביע. דיביידע לענדער וועלן זיי אויפנעמען באהבה, ווייל דאָס דינט זייערע אינטערעסן — די אינטערעסן פון איראַק קעגן סיריע און די אינטערעסן פון ליביע קעגן מצרים.

וואָס ס'זאָל נישט זיין דער גורל פון דער פּ.ל.אָ. איז איינס זיכער: דער פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינעזער פאַרבלייבט דערווייל נישט געלייזט.

* * *

די געשעענישן אין לבנון האָבן דעמאָנסטרירט, אַז דער אַראַביש־ישראלדיקער סכסוך איז אַ סכסוך צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות. די אַראַבישע מדינות האָבן נאָר אויסגענוצט דעם פּאַלעסטינער מאָטיוו פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן: אין דער אמתן איז עס אַפילו נישט קיין פראַגע פון די טעריטאָריעס פאַר אַ פּאַלעסטינער מדינה; די טעריטאָריעס זענען געווען אין אַראַבישע הענט ביז 1967 און זיי האָבן געקאָנט דאָרט שאַפן אַ פּאַלעסטינער מדינה, אָבער זיי האָבן דאָס נישט געוואָלט טאָן. זיי האָבן אויסגענוצט די פּאַלעסטינער אין זייער קאַמף קעגן ישראל, פונקט ווי זיי נוצן היינט אויס די פּאַלעסטינער, ווען זיי שלאָגן זיך צווישן זיך.

דער עצם ענין באַשטייט אין דעם וואָס די אַראַבישע מדינות האָבן נאָך ביז היינט נישט אָנערקענט די עצם עקזיסטענץ פון אַ יידישער מדינה.

די פּאַלעסטינער באַפעלקערונג ספּעציעל די איינוואוינער פון די טעריטאָריעס, וועט סוף כל סוף איינזען אַז זייערע פּראָבלעמען קענען געלייזט ווערן נאָר צווישן זיי און ישראל; פון דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, ספּעציעל פון די טעריטאָריעס, וועט סוף כל סוף אַנטשטיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פירערשאַפט אָן ווילדע חלומות, גרייט פאַר אַ קאָמפּראָמיס מיט ישראל.

וואָס שייך די אַראַבישע לענדער, האָט דווקא די יום־כיפור מלחמה זיי אויסגעניכטערט און באַוויזן, אַז זיי האָבן נישט קיין שאַנס מיליטעריש צו צעשטערן מדינת ישראל (נאָך יעדער מלחמה שטייען די ישראל־כוחות טיפער אין זייערע לענדער). די אַראַבישע מדינות זענען נאָך נישט גרייט צו מאַכן אַ שלום מיט ישראל, אָבער זיי זענען רייף שלום צו מאַכן מיטן פאַקט, אַז ישראל עקזיסטירט.

וו. יאַבלאָנסקי

# לבנון — די טראַגעדיע פון אַ לאַנד

די קאַמפן אין לבנון — אַנדערע רופן עס אָן: בירגער־קריג, ציען זיך שוין 18 מאָנאַטן. מעגלעך — עס וועט געלונגען די אַראַבישע פירער סוף כל סוף געפינען אַ פאָרמולע, אויסצוגלייכן די קעמפנדיקע צדדים. ווי דער אויסגאַנג פון די קאַמפן זאָל נישט זיין — דורך שלום, אָדער דורכן זיג פון איין צד — דאָס לאַנד וועט זיך שוין נישט צוריקקערן צו דער רואיקער שפע, פון וועלכער ס׳האָבן גענאָסן סיי די קריסטן, סיי די מאַכמעדאַנער.

אַ טייל פון דער שולד (אפשר דעם גרעסטן) פון דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער לבנון געפינט זיך — טראָגן די פּאַלעסטינעזער פּליטים.

זינט סעפּטעמבער 1970 (דער שוואַרצער סעפּטעמבער), ווען דער קעניג כוסיין פון ירדן האָט דורך אַ מיליטערישער אָפּעראַציע באַזייטיקט די באַוואָפנטע פּאַלעסטינעזער פּליטים פון זיין לאַנד — איז לבנון געוואָרן די הויפּט־קוואַרטיר פון אַראַפאַטס מחנה — די אַל־פאַטאַך — אָדער ווי זי הייסט אין ענגליש: די פּ.ל.אָ. כוסיין האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, וואָס די פּאַלעסטינער האָבן אין זין — און ס׳איז פאַר אים געווען קלאָר: אָדער ער — אָדער זיי. אין לבנון זענען די פּליטים־לאַגערן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיליטערישע באַזעס, מיטן ציל צו באַקעמפן ישראל. די אַראַבישע לענדער האָבן זיך באַמיט דעם דאָזיקן צושטאַנד אויפצוהאַלטן און געשטיצט די פּאַלעסטינעזער מיט געווער; געגעבן זיי מעגלעכקייטן אויסצושולן דיווערסאַנטן. און נישט נאָר זיי — רוסלאַנד און אוגאַנדאַ האָבן זיך אויך מיטבאַטייליקט אין דעם דאָזיקן פּראָנט פון אויסשולן און באַוואָפענען דיווערסאַנטן.

נישט קאָנענדיק איינבייסן ישראל — האָבן די פּאַלעסטינעזער באַקומען אַפּעטיטן צו ווערן אַ הערשנדישער כוח אין לבנון (און אפשר האָבן זיי פאַרלוירן דאָס געדולד צו וואַרטן אויף אַ פּאַלעסטינעזער רעפּובליק...).

זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די צווישן־פּראַקציאָנעלע קאַמפן — די מאַכמעדאַנער (לינקע) און קריסטן (רעכטע), האָפנדיק אַזוי אַרום, מיט זייערע גוטגעשולטע מיליטערישע איינהייטן צו דערגרייכן זייער ציל. זיי האָבן געהאָפט, אַז נישט דער קריסטלעכער מערב און נישט די איסלאַמישע אַראַבער וועלן אינטערווענירן אין דעם פאַרמעסט.

אין די טיפענישן פון דער אַראַבישער מאַכט־ריוואַליזאַציע האָט אָבער שוין פון פריער פערמענטירט.

דער קאָנפליקט צווישן אַסאַדן (סיריע) און אַראַפאַטן האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין יאָר 1974. פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן פון די „סייקאָ" איינהייטן — סאַבראַ על באַנאַ — האָבן אויפן באַפעל פון סירישן הערשער אַסאַד געזאָלט אויספירן אַן אַטענטאַט אויף אַראַפאַטן. דער געפּלאַנטער מאָרד איז נישט געלונגען. דעם אויספירער פון אַטענטאַט האָט מען געכאַפּט און פאַרמשפּט צום טויט. דער ציל פון אַסאַדן איז געווען, אַז דער פירער פון די „סייקאָ" טעראָריסטן — מושין — זאָל פאַרנעמען אַראַפאַטס אָרט.

ווען סירישע איינהייטן האָבן אַריינמאַרשירט קיין

לבנון, האָבן זיי איבערגעגעבן די „סייקאַ" אָפּטיילונגען די אַדמיניסטראַטיווע פאַרוואַלטונג פון די געביטן. טויזנטער פון זיי זענען אָבער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן.

אין פּאַלעסטינעזער פּליטים־לאַגער נעבן דמשק — על יאַרמוק — איז אין אַפּריל 1976 אויסגעבראָכן אַ בונט. די פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן האָבן דערמאָרדעט די באַוואַכונג פון לאַגער און אויסגעראַבעוועט דעם לאַגער. נאָך דעם דאָס ערשט נאָך שווערע קאַמפן איז דער סירישער אַרמיי געלונגען צו באַזעצן דעם לאַגער און די אָנפירער פון בונט האָט מען אויפגעהאָנגען. אין עטלעכע סירישע שטעט האָבן די פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן געוואָרפן גראַנאַטן אויף רעגירונגס־געביידעס; זיי האָבן אויך אונטערגעלייגט צייט־באָמבעס.

דער הויך־פּונקט פון די רייבונגען צווישן אַראַפאַטן און אַסאַדן איז דערגאַנגען צום פאַרכאַפּן דעם סאַראַמיט־האָטעל אין דמשק. בשעת דעד אויספאָרשונג האָבן די פאַרכאַפּטע טעראָריסטן דערקלערט:

„די איינהייטן וועלכע קעמפן איצט אין לבנון, וועלן אַריבערקומען קיין סיריע און דאָ פירן דעם קאַמף אַזוי לאַנג, ביז דער פאַרשאָלטענער רעזשים פון אַסאַדן וועט ליקווידירט ווערן".

דער רעזולטאַט איז באַקאַנט: מען האָט די טעראָריסטן אויפגעהאָנגען קעגנאיבער דעם סאַראַמיט־האָטעל.

יצחק ראַבין, ישראל־פּרעמיער, דערוויסנדיק זיך וועגן גורל פון די דריי טעראָריסטן, האָט דערקלערט:

„איך האָב קיין מאָל נישט געגלויבט, אַז פּ.ל.אָ.־טעראָריסטן וועלן אויספירן אַ טעראָר־אַקט אין דמשק; און נאָכן איבערגעבן זיך אין די הענט פון דער פּאָליציי — וועט מען זיי עפנטלעך אויפהענגען".

אין די לעצטע 6 יאָר איז אַסאַדן געלונגען צו סטאַביליזירן דעם רעזשים אין סיריע. אָבער אין די לעצטע צוויי יאָר האָט ער זיך דערפילט באַדראָט פון די פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן, וועלכע האָבן אַפילו באַשטימט אַ פּרייז פאַר זיין קאָפּ. סיריע האָט באַזייטיקט די פּאַלעסטינעזער טעראָריסטן, וועלכע האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס אין איר אַדמיניסטראַציע.

די אַנטי־פּאַלעסטינעזער אַקציעס אין לבנון (ווי אין סיריע) זענען נישט צום האַרצן אַ סך אָפיצירן פון דער סירישער אַרמיי. זיי זענען קעגנער פון דער סירישער אינוואַזיע אין לבנון. ווי עס מעלדעט דער גוט־אינפאָרמירטער דייטשער זשורנאַל „דער שפּיגל", זענען 200 סירישע אָפיצירן אונטער אַרעסט און וואַרטן שוין חדשים אויף זייער פּראָצעס. סירישע אָפיצירן און סאָלדאַטן ווילן פּשוט נישט אויספירן די באַפעלן פון זייערע קאָמאַנדירן. סירישע זעלנער זענען דערשאָסן געוואָרן, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באָמבאַרדירן פּאַלעסטינעזער פּונקטן אין לבנון. אַסאַדס האַרטער קורס לגבי די פּאַלעסטינעזער טרעפט זיך אויך אָן אויף אַ שטאַרקער קריטיק מצד די לינקע עלעמענטן אין דער באַאַט־פּאַרטיי. דער פירער פון דער סירישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאַליד באַקדאַש, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַסאַדס פּלענער צו פאַרניכטן די פּאַלעסטינעזער. די צוזאַמענאַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט דער באַאַט־פּאַרטיי (רעגירונגס־פּאַרטיי) איז איבערגעריסן געוואָרן. די פּראָפּאַגאַנדע פון די לינקע עלעמענטן אין סיריע גייט אין דער ריכטונג צו באַווייזן, אַז אַסאַד טוט אַלץ, כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון אַמעריקאַנער „אימפּעריאַליזם". מ'באַשולדיקט אים אויך אין שליסן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט ישראל. קעגן אַסאַדן איז אויך לעצטנס אַרויסגעטראָטן זיין פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, מוסטאַפאַ טלאַס, וועלכער איז אַ קעגנער פון פאַרניכטן די קאַמפס־איינהייטן פון דער פּ.ל.אָ. אויך ליביע און איראַק זענען אַרויסגעטראָטן שאַרף אין דער פאַרטיידיקונג פון דער פּ.ל.אָ. פון איראַק זענען, אגב, געקומען די טעראָריסטן, וועלכע האָבן אָקופּירט דעם האָטעל אין דמשק. אויף די ווענט פון הייזער אין דמשק האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אויפשריפטן: „לייבן אין לבנון — פּחדנים אויפן גולן".

אין דעם קאָנפליקט באַמיט זיך ישראל איינהאַלטן אויף וויפל עס איז מעגלעך — איר נייטראַליטעט. הגם מען קאָן פאַרשטיין, אַז אירע סימפּאַטיעס זענען מיט די מאַראָניטישע כוחות, וועלכע קעמפן קעגן פאַרוואַנדלען זייער היימלאַנד אין אַ פּיראַטן־באַזע, פון וועלכער מען זאָל קאָנען טעראָריזירן די פרייע וועלט דורך עראָפּלאַן־פאַרכאַפּונגען; שאַנטאַזש און „קידנעפּינג". אין ישראלס אינטערעסן איז צו האָבן לבנון, ווי אַ פרידלעכן שכן, און די קריסטלעכע אַרמייען ווייזן אויך אַרויס אַ טענדענץ אין דער ריכטונג.

ו. יאַבלאָנסקי

**באַמערקונג פון רעדאַקציע:**

דער בירגער־קריג האָט זיך אָפיציעל פאַרענדיקט אין לבנון. די סירישע אַרמיי, וועלכע איז ביז נישט לאַנג געווען אַ צד אין קאָנפליקט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין שלום־אויפהאַלט־דיקן כוח. דאָך מערקט זיך אָן אומצופרידנקייט ביי די קעמפנדיקע צדדים, וואָס ווילן זיך נישט שיידן מיטן שווערן געווער. אַפּנים — זיי האָבן נישט קיין צופיל צוטרוי צו די רודף־שלומניקעס...

כאָטש די לאַגע האָט זיך געענדערט, פאַרלירן פון דעסטוועגן נישט די צוויי אויבן געדרוקטע אַרטיקלען זייער אַקטואַליטעט און אינפאָרמאַטיווקייט פאַר אונדזערע לייענער.

י. מ. לעווין

# נאָכטראַכטונגען וועגן דער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור

(אָפּגעהאַלטן דאָס יאָר אין ירושלים)

ווער עס פאַרמאָגט אַ ביסל פאַנטאַזיע קען אויסחלומען זיך אַ טרוים, אַז נאָך דער פאָרגעקומענער קאָנפערענץ וועלן אַלע „יידיש" קראַנקהייטן ווי: אָפּגעפרעמדקייט, האַלבע און פולע אַסימילאַציע, און קודם כל, דער לאַנגיאָריקער, פיינטלעכער איינשטעל לגבי יידיש־לשון מצד די אַזוי גערופענע „העברעאיסטן", ווערן מיט איין מאָל אויס קראַנקהייטן, און עס וועלן אויפהערן די אַנטאַגאָניזמען און מאַטערנישן פון וועלכע דאָס פאָלק ליידט.

אויבנאויפיק קען זיך דאַכטן, אַפילו פאַר מענטשן, נישט באַשאָנקענע מיט דער פעאיקייט צו טרוימעריישקייט, אַז אַזוי דאַרף עס ווירקלעך געשען, ווייל די קאָנפערענץ איז אויסערלעך געווען ספּעקטאַקולאַר, פילפאַרביק און צוזאָגנדיק.

איצט, נאָכן רעש און דעם אַנגענעמען אַראָמאַט פון די יום־טוב טעג, איז די צייט פאַר אַ ניכטערן אָפּשאַץ, וואָס זאָל אָן פליטערלעך באַלויכטן דעם גוואַלטיקן שטח צווישן וואונטשן, פאַנטאַזיעס און רעאַליטעט.

באַלד ביים אָנהויב דאַרף מען פעסשטעלן מיט צופרידנקייט, אַז דער רוף פאַר פּרעזערווירן די גייסטיקע אוצרות פון יידיש און יידישער קולטור איז געקומען פון ישראל, פון אונדזער מדינה, וועלכע האָט, ליידער, ביז מיט אַ צייט צוריק, נישט געהאַט דעם בעסטן רעקאָרד אין דער פראַגע.

דאָ איז נישט דאָס אָרט אַריינצוגיין אין די פּרטימדיקע און אַלגעמיינע סיבות פאַר וואָס די לאַגע איז געווען אַזאַ, ווי זי איז געווען. געווען אַ סך היסטאָרישע און פּאָליטישע פּראָ'ס דערפאַר, היינט שוין איבערגעלעבטע, במילא בטול געוואָרענע.

דער ווינקלשטיין פאַר דער פּאָליטיק פון עלימינירן יידיש איז געווען דער וואונטש, און אויך דער פּרווו, „אַריבערצושפּרינגען דורות" — אַ פּאָליטיק, וואָס האָט באַנקראָטירט אין אָנבליק פון אַ געפאַר — פאַרן גאַנצן פאָלק — בשעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

די „ישראלים", ווי זיי האָבן ליב אַליין זיך צו רופן, האָבן דאַן דערשפּירט אַז הינטער זיי שטייט דאָס גאַנצע פאָלק; דאַן איז געקומען אַן איבערברוך אין זייער אופן פון טראַכטן וועגן דער בשותּפותדיקייט פון זייער גורל מיטן גורל פון די יידן אין די תפוצות, און עס איז געקומען צו אַ גייסטיקער און משפּחהדיקער דערנענטערונג.

זינט יענע היסטאָרישע טעג האָט זיך דערשפּירט די נויטווענדיקייט פון „אַריבערוואַרפן בריקן" צווישן דעם טייל פאָלק אין ישראל און דעם אַנדערן אין די תפוצות. נאָך איין פונדאַמענטאַלער אימפּעראַטיוו פאַר אַריבערוואַרפן בריקן איז אָן ספק געווען און איז פאַרבליבן: די מגיפה פון אַסימילאַציע אין די תפוצות, וואָס דראָט מיט אומקום, אָן מלחמה, נאָר מיט אַ מיתה בנשיקה.

איז געקומען אַ לאָגישער אויספיר: קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור. איז די צייט צו שטעלן צוויי קשיות.

1) מיט וואָסערע דערוואַרטונגען זענען געפאָרן קיין ירושלים 450 דעלעגאַטן פון זעכצן לענדער?

2) מיט וואָסערע איינדרוקן זענען זיי זיך פאַנאַנדערגעפאָרן, נאָך דעם ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלן נאָך דעם פייערלעכן היסטאָרישן אַקט?

איינדרוקן וועלן אַוודאי זיין פאַרשידענע: אָביעקטיווע, סוביעקטיווע, אָפּטימיסטישע, מעגלעך אויך פּעסימיסטישע און אויך אָפּוואַרטנדיקע.

עס איז נאָך נישט דאָ קיין גענויער איבערזיכט, קיין סטאַטיסטיק אין דעם ענין, וועל איך דעריבער רעדן וועגן זיך.

ווייל איך גלייך אין אָנהויב פעסטשטעלן, אַז מיינע איינדרוקן בשעתן דויער פון דער קאָנפערענץ, פון איר פייערלעכן אָנהויב ביז דער פיינער פאַרענדיקונג — זענען פּאָזיטיווע, אָבער גלייכצייטיק בין איך אָפּוואַרטנדיק. אָט פאַר וואָס:

לאָמיר אָנהויבן דערמיט, וואָס דער איניציאַטאָר, פאָרזיצער און דער הויפּט־כּוח הינטער דער קאָנפערענץ, יצחק קאָרן, האָט אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „די קאָנפערענץ אַ גורם צו מעשים" געזאָגט צווישן אַנדערע:

„אויב מיר ווילן שוין היינט טראַכטן וואָס וועט געשען נאָך דער קאָנפערענץ, מוזן מיר זיך אָנמערקן שריט און מעטאָדן ווי אַזוי צו פאַרזיכערן, אַז די פאָרשלאָגן אונדזערע זאָלן רעאַליזירט ווערן".

איז זיין זאָרג וועגן מאָרגן אַ סימן פון אַן ערנסטן, פּאָזיטיוון צוגאַנג צום פּראָבלעם.

ווי אַן אונטערשטיצונג פון יצחק קאָרנס זאָרגן וועגן מאָרגן, איז געווען די רעדע פון בילדונגס־מיניסטער ידלין. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ווער עס וועט זיך דאָס ווינטשן, וועט אים דערמעגלעכט ווערן צו באַלייגן יידיש

אַלס אַ קעגנשטאַנד ביי מאַטריק. איז עס אַ דערפרייענדיקע דערקלערונג פון אַן אויטאָריטאַטיווע פערזאָן, אַ מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג, אין דעם אָנגעווייטיקטן ענין „יידיש״.

גאָלדע מאיר האָט אין איר פיינער רעדע, אַדורכגעוועבטע מיט האַרציקע טענער דערקלערט פאָלגנדעס:

„לויט מיר עקזיסטירט נישט מדינת ישראל אָן אַ יידיש פאָלק, און אַ יידיש פאָלק אָן מדינת ישראל. די עקזיסטענץ פון פאָלק איז נישט אָפּהענגיק בלויז פון כוח, נאָר גלייכצייטיק פון זיינע גייסטיקע דערגרייכונגען, און דער וואָס וויל פאַרגעסן דעם עבר פון אונדזער פאָלק — וויל פאַרגעסן דאָס פאָלק גופא״.

ווייטער האָט זי געזאָגט:

„אַ מאַמע קען זיך נישט שפּילן מיט אירע קינדער אין אַן איבערגעזעצטער שפּראַך. מען קען איבערזעצן גוט און נאָך בעסער, אָבער דער אָריגינאַל איז דאָס נישט״.

ווייס איך נישט, צי דאַרף מען דאָס באַטראַכטן ווי אַ פאַרצוג פאַר יידיש? איך צווייפל, כאָטש זי האָט דערגענצט איר געדאַנק מיטן פאָלגנדיקן זאַג:

„איך האָב געוואָלט, אַז מיינע קינדער זאָלן רעדן יידיש און איך בין גליקלעך, וואָס איך קען זיך מיט זיי פאַרשטענדיקן אין דער דאָזיקער שפּראַך״.

די צוגעשיקטע באַגריסונג פון פרעזידענט פון דער מדינה פּראָפ. אפרים קציר, איז געווען גאָר אַ וואַרעמע. א״ן יידישער איבערזעצונג קלינגט זי אַזוי:

„איך שיק מיינע וואַרעמע ברכות צו די באַטייליקטע אין דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור. דאָס צונויפרופן די קאָנפערענץ אין ישראל איז אַ לעבעדיקער באַווייז פון דעם קעגנזייטיקן כבוד וואָס הערשט אין אונדזערע טעג צווישן ביידע מחנות: פון עברית און יידיש, דאָס „מאַמע־לשון״, וואָס איז אין די הערצער פון אַ סך פון אונדז אָפּגעהיט אין אַ באַזונדער היים ווינקעלע״.

קלינגט די דערקלערונג פון פרעזידענט פון דער מדינה אויטאָריטאַטיוו און פּאַטעטיש.

אויך טעדי קאָלעק, דער רז״ העיר פון דער הייליקער שטאָט, האָט גערעדט אין יידיש, די שפּראַך אויף וועלכער, ווי ער האָט דערקלערט, ער האָט שוין נישט גערעדט אַ סך יאָרן.

זענען דאָס גוטע סימנים, אַז דער פיינטלעכער קלימאַט קעגן יידיש האָט זיך געמילדערט. איז געקומען די העברעאישע פּרעסע און קאַליע געמאַכט דעם גוטן איינדרוק וואָס די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין ישראל האָבן געשאַפן. מיט אירע שאַרפע אָנגריפן אויף יידיש האָט זי צונישט געמאַכט דעם פּרעזידענטס פעסטשטעלונג „אַז עס הערשט אַ „בורג־פרידן״ צווישן דער מחנה פון עברית און דער מחנה פון יידיש״.

מיט איר אומקאָמפּראָמיסלאָזער פיינטלעכער שטעלונג לגבי יידיש, האָט זי דערמאָנט די אַלטע „גוטע״ צייטן, ווען מען האָט מיט שטיינער באַוואָרפן אַ לאָקאַל, וואו עס איז פאָרגעקומען אַן אונטערנעמונג אין דער יידישער שפּראַך.

ברענגט עס אַריין אַ צעטומלונג אין די מוחות און עס שטעלט זיך אַן ערנסטע פראַגע: וועלן אין אַזאַ אַטמאָספער געדייען די זאָמען וואָס די קאָנפערענץ האָט געפּרווט צו פאַרזייען?... וועט אין אַזאַ קלימאַט קענען ווערן אַדורכגעפירט בשלימות די אָנגענומענע רעזאָלוציעס אויף דער היסטאָרישער קאָנפערענץ?...

די דעקלאַראַציע רעדט קלאָר וועגן:

א) יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך;

ב) וועגן דעם, אַז צוזאַמען מיט העברעאיש דאַרף יידיש איינגעהאַלטן ווערן אין מויל פון יונגן דור;

ג) וועגן דעם, אַז כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף יידיש איינגעשלאָסן ווערן אין די פּראָגראַמען פון יידישער דערציאונג אין די תפוצות און אין מדינת ישראל.

דאָס בילד איז קלאָר. פון איין זייט גוטע וואונטשן און צוזאָגן מצד אויטאָריטאַטיווע הויך־ראַנגיקע רעגירונגס פּערזענלעכקייטן — פון דער אַנדערער זייט, אַ נישט געענדערטע פיינטלעכע באַציאונג מצד דער הערשנדיקער העברעאישער פּרעסע — וואָס וועט זיין דער רעזולטאַט?

עס פאַרשטייט זיך, אַז צוריקדרייען דעם זייגער פון דער געשיכטע איז אַן אוממעגלעכע אויפגאַבע, פונקט אַזאַ שווערע ווי דער פּרווו „אַריבערצושפּרינגען דורות״.

קען איך דעריבער, מיט מיין עצמדיקן אָפּטימיזם וועגן דעם אויסווירק פון דער קאָנפערענץ לטובת דער מערכה פון יידיש, נישט זיין באַפרייט פון ערנסטע פאַרבאַהאַלטן — און מיין שטעלונג איז אַן אָפּוואַרטנדיקע.

איך וואַרט, אַז די צוזאָגן פון בילדונגס־מיניסטער וועגן איינפירן דעם לימוד „יידיש״ אַלס קעגנשטאַנד צו מאַטריק, זאָל כאָטש זיין אויף די זעלבע רעכט ווי ענגליש און אַראַביש.

איך וואַרט אויך אַז די וואַרעמע באַגריסונג פון פּרעזידענט אפרים קציר און אויך זיין פעסטשטעלונג, אַז „עס זענען שוין מער נישט פאַראַן קיין חילוקי־דעות צווישן די „העברעאיסטן״ און „יידישיסטן״, זאָל ווערן אַ רעאַלעווירקלעכקייט.

איך וואַרט אויך, אַז די האַרציקע רייד פון גאָלדע מאיר זאָלן אָננעמען פלייש און בלוט. עס זאָלן געשאַפן ווערן קינדער־גערטנער וואו מען זאָל לערנען די תינוקות של בית רבן, אַ ליד אויף מאַמע־לשון, אַ געדיכט אויף יידיש.

אויב דאָס וועט געשען, וועט יצחק קאָרנס סלאָגאַן: „די קאָנפערענץ — אַ גורם צו מעשים״, ווערן אַ יש, וואָס וועט נישט איבערלאָזן קיין צווייפל, אַז איר אויסווירק וועט זיין אַ תוכיקער און לאַנגדויערנדיקער פאַר דער מערכה פון יידיש און פאַר דער יידישער קולטור.

דערווייל — איז דאָ אַ „דערוויילע״... דערווייל

עזריאל נאַקס

# דער באַדייט פון יידיש

ווענן יידיש זענען פאַראַן ספּיקות נישט בלויז ביי די וואָס זענען קעגנעריש אָדער גלייכגילטיק, נאָר אויך ביי די וואָס יידיש איז זיי איינגעבאַקן אין האַרצן, איז זיי ליב און טייער און נאָענט. היתכן, פאַרוואָס? זייער טענה איז אַ „לאָגישע": די וואָרצלען פון יידיש זענען דאָך גע־ווען אין מזרח־אייראָפּע, אין אַן אַמאָליקער סביבה און אין אַ פריערדיקער צייט, ווען יידיש האָט זיך געריעדט ווי פון זיך אַליין, ספּאָנטאַן אין אַ באַוואוסטזיניקער אָנ־שטרענגונג; ווען אונדזערע זיידעס און באָבעס האָבן אָנט־וויקלט אין „אויסגעכאַוועט" אַ לשון אָט־אַזוי ווי בינען פּראָדוצירן האָניק — זיי האָבן גענומען ווערטער און אויסדרוקן פון די ערטער, וואו זיי האָבן זיך געפונען און האָבן זיי פאַרוועבט מיט העברעאיש און אַראַמעאיש, ווייל זיי האָבן זיך גענויטיקט אין דעם ווי אין אַן אינסטרומענט, ווי אַ כלי, פאַר זייערע קעגנוואַרטיקע איבערלעבענישן און דערקענטענישן, פאַר דעם נייעם נוסח זייערן וואָס האָט זיך בהדרגהדיק איינגעשטעלט. יידיש איז דעמאָלט געווען „נאָרמאַל" פאַר די עלטערע און די יינגערע דורות. און מיט יידיש אויף דער צונג און אין געמיט האָבן זיי אייפגעזוכט די וועלט, און יידיש איז געווען פאַר זיי אַזוי געוויינלעך און אַזוי „נאָרמאַל" ווי ס'איז אַז אַ שמייכל זאָל זיך באַווייזן אויפן פּנים און אַ טרער זאָל ווען־עס־איז אַ פּינקל טאָן אין אויג.

לויט אָט־דער טענה איז די דאָזיקע נאַטירלעכקייט פאַרשוואונדן אין אַמעריקע. און ס'איז פאַראַן בלויז אַן עכאָ אָדער אָפּקלאַנג. און אַן עכאָ קען לאַנג נישט גע־דויערן. און אויב ס'איז אַן ענין פון וואָרצלען, איז דען מעגלעך, אַז אַ בלום אָדער אַ בוים זאָל וואַקסן און גע־דייען אָן וואָרצלען? נו, אַוודאי קען מען וואָרצלען אַרי־בערפלאַנצן, אָבער ס'איז אַן איידעלער עסק, און בכל אופן דאַרף מען זיך דערמיט ערנסט באַשעפטיקן, און עס דאַרף זיין טוי און זון־שיין, און עס מוזן זיין גינסטי־קע „אָביעקטיווע באַדינגונגען". און די פראַגע ציטערט־אויף אומפאַרמיידלעך: זענען דאָ אַזעלכע „באַדינגונגען" אין אַמעריקע?

בנוגע יידיש, ווי וועגן יעדן אידעאַל אָדער ציל, זענען דאָ מענטשן וואָס זענען גענייגט צו דעם וואָס מען רופט אָן פּעסימיזם, וואָס טראָגן טונקעלע ברילן, און וואָס כאַפּן אויף צוויישן עטלעכע בריררות די ערגסטע, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס עס ציט זיי, ווי מיט אַ מאַגנעט, צום אָפּטימיזם, וואָס טראָגן ראָזעווע ברילן, און וואָס זענען גענייגט לויט זייער טעמפּעראַמענט אויס־צוקלייבן צווישן אַ צאָל ברירות די סאַמע העלסטע. דער אמת איז, אַז גאָר אָפט, הגם נישט אַלע מאָל, טויגן ביי־דע שטאַנדפּונקטן נישט און האָבן נישט קיין ממשדיקן באַדייט. נישט די טונקעלע און נישט די ראָזעווע ברילן גיבן אונדז אַ ריאַלן בילד פון דער ווירקלעכקייט ווי זי איז. ביידע ווערטער — פּעסימיזם און אָפּטימיזם — שטאַמען פון לאַטיין. און ס'איז פאַראַן אַ דריט וואָרט, מעליאָריזם, וואָס איז, לגבי יידיש און די גייסטיקע ווערטן, וואָס אין יידיש איז בחייב, אַן אַ שיעור פּאַסי־קער און טרעפלעכער. ס'איז משמעות אַ ניי וואָרט ביי אונדז, הגם די פילאָסאָפן וויליאַם דזשעימס און דזשאַן דיואי, האָבן דאָס פאַרטראַכט און האָבן עס געשטעמפּלט מיט דער חשיבות פון אַ סאָציאַלער און מאָראַלישער קאַטעגאָריע.

וואָס איז אַזוינס מעליאָריזם? פּעסימיזם מיינט, אַז עס איז שלעכט, ביטער, פינצטער; אָפּטימיזם מיינט, אַז ס'איז גוט, מחיהדיק און ליכטיק. און, אין אַ געוויסן זין, זענען די פאַרטרעטער פון ביידע „שיטות" קברנים. אַ ביישפּיל וועט עס באַשטעטיקן: אָט איז אַ חולה, און דער חסיד פון אָפּטימיזם עצהט, אַז מען זאָל גאָרנישט טאָן, ווייל ער וועט זיכער אין גיכן געזונט ווערן און ס'איז דעריבער אַ שאָד צו פּטרן מי און געלט אויף אַ דאָקטאָר און אויף מעדיצין; דער פּעסימיסט פּלאַפּלט, אַז דער קראַנקער איז שוין במילא אַ פאַרפאַלענער און קיין דאָק־טאָר וועט אים שוין נישט קענען העלפן און ס'איז נישט בנמצא קיין רפואה פאַר אים (אגב, דער ציניקער איז דער, וואָס אים אַרט קיין זאַך נישט און פאַר אים איז גאָר נישט כדאי זיך צו אַמפּערן וועגן דעם).

וואָס־זשע איז די נפקא־מינה צווישן זיי און דעם מעליאָריסט? דער מעליאָריסט — דאָס וואָרט באַדייט בעסער — האָט נישט קיין פאַרטיקן, פאַראויס־באַ־שטימטן באַשלוס אין דער קעשענע, אויף דער רגע אָרן דאַרף מען נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אַז אַלץ זאָל קומען פון ישראל. בלויז וואַרטן, אַז „מציון תצא תורה" איז נישט גענוג. מען מוז זיין אַקטיוו אויך דאָ, ווי אין די אַנדערע לענדער חוץ ישראל. דער אָפּ־קלאַנג פון פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אין די תפוצות וועט האָבן אַן אויסוווירק אויף דער טעטיקייט אין יש־ראל, ווי ישראל האָט אויפגערודערט די געמיטער אין די תפוצות מיט איר רוף פאַר דער פרעזערווירונג און קאַנטינואיטעט פון אונדזער טויזנטיאָריקער קולטור.

עס איז איצט אַ שעת הכושר, און וואָס גיכער די בריקן פון געמיינזאַמער אַרבעט פאַרן בשותפותדיקן ציל וועלן ווערן אַריבערגעוואָרפן, אַלץ זיכערערע און בע־סערע וועלן זיין די רעזולטאַטן.

עס איז איצט אַ שעת הכושר און מיר טאָרן נישט ווערן דער גורם פון פאַרלירן אַ היסטאָרישן, גורלדיקן מאָמענט.

אים נישט קיין שום סברות סתם אַזוי, צוליב פּלפּול. ער באַטאָנט, אַז מען דאַרף זיך נישט פאַרלאָזן אויף „אינטואיציע", אויף „באָבע־מעשיות" און חזרט איבער, אַז מען מוז זיך באַראַטן מיט אַ דאָקטאָר און מע מוז דערנאָך אָנערקענען די פאַקטן ווי זיי זענען און פּרוּוון מיט אַלע כוחות בייטן די פאַקטן צום בעסערן, אויף וויפיל עס ליגט אין די גרענעצן פון אונדזערע מעגלעכקייטן, און אַז מען טאָר דאָס נישט אָפּלייגן, נאָר מען מוז גלייך אָנהייבן אָדער אָנגיין מיט אָט־דעם וואָס מען טוט שוין און וואָס איז צום גוטן.

— 2 —

ס'איז מערקווירדיק וואָס מען זעט איצט זעלטן די טערמינען „יידישיסט" און „יידישיזם". מיט רעכט צי על־פּי טעות האָבן די טערמינען, פּונקט ווי „העברעאיסט" עפּעס געפּאָרט זיך מיט קריגערישקייט, אַלזייטיקייט און האָבן עפּעס געהאַט דעם אָנבליק ווי פון פאַרשטייער פון אַ צד און נישט ווי פון אַ פאָלק. אויב עס האַנדלט זיך וועגן „יידישיזם", דעמאָלט האָבן דאָך די פאַרטיידיקער פון יידיש קיין שום סיבה נישט צו פאַרלאַנגען ענדערונגען אין מדינת ישראל אין דער באַציאונג צו יידיש, פאָדערן אַזעלכע שינויים ווי אַ חוב, ווי אַ נאַציאָנאַלע אחריות. דער ענטפער וואָלט אויף דעם געווען אַן איינפאַכער און ענדגילטיקער: „מיר האָבן געגרינדעט קיבוצים, מיר האָבן פאַרקניפּט אונדזער צוקונפט מיט דער זומפּיקער וויסטעניש אין פּאַלעסטינע, מיר האָבן געבויט און געזייט און געקעמפט מיט שווייס און מיט בלוט, און אונדזער צד האָט געזיגט".

ס'איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, אַז כמעט ווי אומבאַמערקטערהייט איז פון „יידישיזם" געוואָרן יידיש, און עס האָט זיך פאַרבירגערט ביי אונדז די פראַזע „יידיש ווי אַ ציוויליזאַציע", דאָס הייסט, אַז יידיש איז לשון, אַז ס'איז טאַקע גראַמאַטיק און סינטאַקס און אַ וואונדערלעכער אוצר פון ווערטער און ווערטלעך, פון אויסדרוקן און אידיאָמען, וואָס מען קען נישט איבערזעצן בושטעבלעך אויף קיין אַנדער לשון („עסן טעג", מסירת־נפש, קידוש־השם — וכדומה), אָבער ס'איז אויך מער ווי דאָס: ס'איז אַ ציוויליזאַציע, אַ שטייגער און אַ נוסח, אַן עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע, די אשכנזישע תקופה אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז געווען דער הויפּט־צענטער פון אונדזער אומה אין אָט־דער תקופה, סיי געאָגראַפיש און סיי גייסטיק, און פון וואַנען די מערהייט איצטיקע יידן שטאַמען.

אויב יידיש איז אַ ציוויליזאַציע, אויב יידיש איז אַ לשון און אויך אַ סכום ווערטן און מנהגים, אויב יידיש שיינט מיט „די טרערן און מיט דעם שמייכל" פון אַ תקופה פון וואָסערע צוואַנציק ביז דרייסיק דורות, איז עס דאָך נישט מער קיין „פּראָגראַם" פון אַ צד, פון אַ באַוועגונג אין פאָלק, נאָר ס'איז עפּעס וואָס געהערט צום פאָלק, צו יידן אין אַמעריקע און אַפילו צו די אָריענטאַלישע יידן, וואָס האָבן די תקופה מיט איר ציוויליזאַציע פאַרפעלט און ס'איז געבליבן ערגעץ־וואו אַ חלל, אַ ליידיקייט, אין זייער געשיכטע. דער עול און די עובדא צו פאַרזיכערן דעם קיום פון יידיש אומעטום, אין די תפוצות און אין מדינת ישראל, איז דעמאָלט אַ געמיינשאַפטלעכער, אַ שותפותדיקער, און ס'איז נישט מער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַוודאי נישט דער „מאָנאָפּאָל" פון וועלכן עס איז צד. ס'איז אַ חלק פון דער פאָלקס ירושה, פון זיין היסטאָרישן און נאַציאָנאַלן „איך", עס איז אַריינגעפּעדעמט אין זיין נשמה און ס'איז אַ רינג אין דער „גאָלדענער קייט". לכל אופן איז קלאָר, אַז דאָס וואָס „יידישיזם" האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר יידיש איז נישט קיין ראיה, אַז יידיש האָט אָנגעוואוירן, אַז די געטריישאַפט צו יידיש איז שוואַכער געוואָרן, נאָר דווקא להיפוך, אויב יידיש ווי אַ לשון ווערט פאַרקניפּט מיט יידיש ווי אַ ציוויליזאַציע און אַ נוסח, איז עס אַ ראיה, אַז דער האָריזאָנט פון יידיש איז פאַרברייטערט געוואָרן און אַז דער גייסטיקער באַדייט פון יידיש איז אַ ריזיקער, אַ סך אַ גרעסערער ווי אַפילו די „טעאָרעטיקער" פון יידיש האָבן געוואַגט צו טרוימען.

יידיש ווי אַ ציוויליזאַציע: וואָס איז דער טייטש דערפון? אַן אַנעקדאָט וועט עס אפשר בעסער אויפקלערן פאַר אונדז ווי וועלכער ס'איז „לאָגישער" אַרגומענט. אַ יינגעלע איז געקומען אַהיים פון חדר און האָט געפרעגט ביי דער מאַמען אויף וועלכער שפּראַך משה רבינו האָט גערעדט, און די מאַמע, מיט ערנסטקייט און פּשטות, נישט ווי אַ וויץ אָדער אַ חכמהלע, האָט אים באַלד געענטפערט: וואָס הייסט, שבת האָט משה רבינו גערעדט לשון קודש און אין דער וואָכן — יידיש. אָט־דאָס איז אַ שפּראַך ווי אַ גאַנצע ציוויליזאַציע, אַ שפּראַך, וואָס איז כולל אין זיך אַלע דערפאַרונגען און אַלע געשעענישן, אַלע אַספּעקטן און אַלע דימענסיעס פון אַ פאָלקס עקזיסטענץ, און אַוודאי אין דער ספערע פון זיינע גייסטיקע קולטורעלע טראַדיציעס, סיי ווי אַ המשך פון דעם נעכטן און סיי ווי אַ קוואַל פון טרייסט און אויפמונטערונג אין דעם היינט. יידיש האָט אויף אַזוי פיל דורכגעדרונגען אַלע געביטן פון דעם פאָלקס קיום, פון זיינע מעשים און מחשבות, אַז דער תמימותדיקער מאַמען האָט גאָרנישט געקענט איינפאַלן, אַז ס'איז ווען־עס איז געווען אַ צייט ווען אירע אור־עלטערן, ווען די אָבות, ווען די מאַמע רחל, ווען אליהו הנביא האָבן זיך נישט דורכגעשמועסט אין יידיש. כ'בין זיך משער, אַז דער דיכטער איציק מאַנגער, אין זיינע חומש־לידער, מיט זייערע טויזנט חנען, וואו אברהם און יצחק און יעקב, וואו שרה און רבקה און לאה און רחל, זענען ענלעך אויף די יידן פון די שטעטלעך, האָט דערשפּירט מיט דינער און צאַרטער פּאָעטישער אַנונג אָט־דעם געמיט פון פאָלק אין שייכות מיט יידיש.

יידיש ווי אַ ציוויליזאַציע: וואָס איז דער טייטש דערפון אויף דער קאַנווע פון אונדזער געשיכטע? עס איז

די „גאָלדענע״ עפּאָכע פון רבנות אין פוילן אין דעם זעכצנטן יאָרהונדערט; ס'איז דער גרויליקער קאָשמאַר פון גזירות ת״ח ות״ט אין פוילן און אוקראַינע אין דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט; ס'איז דער אויפבלי פון חסידות מיט דער בשורה פון פרייד און אמונה און די שלווה. וואָס ס'איז דאָ אין עכטער כוונה, און ס'איז מתנגדות מיטן ווילנער גאון, אין דעם אַכצנטן יאָרהונדערט; ס'איז רייזינס „קלויזניק בלאָסער, קלויזניק ליבער״, וואו אַראַמייאיש (אין דער גמרא) און העברעאיש (אין דער משנה) און יידיש זענען געווען אַן אומצעטיילבאַרער זיווג, און ס'איז דער מאַמעס צאינה וראינה און „דער גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב״, אין דעם אַזוי נאָענטן עבר; ס'איז די השכלה, וואָס האָט געמוזט לשם העברעאיש און „וועלטלעכער בילדונג״ פאָרט זיך ווענדן צום פאָלק אין יידיש, און ס'איז דער ציוניזם און דער „בונד״ און אַלע אַנדערע וואַריאַנטן פון אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין אין דעם ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

יידיש ווי אַ ציוויליזאַציע דערציילט אונדז, אַז אין משך פון כמעט וואָסערע דרייסיק דורות האָבן יידן געשליפן און געפורעמט די אידעלע כלי, יידיש־לשון, מחמת זיי האָבן זיך אַפּנים געצויטיקט אין אַן אינסטרומענט אויף וועלכן אויסצושפּילן דעם ניגון פון זייער עקזיסטענץ, אויף וועלכן אויסצושעפּטשען זייער שמחה און טרויער און אויסצושרייען זייער צער און צאָרן און אַריינקוקן אין זיך אַליין, אין דער נשמה פון דעם יידן, ווי אַ יחיד און ווי אַ קיבוץ, דורכן שפּיגל פון זייער טעגלעך־אינטימער שפּראַך. און די קרוין פון אָט־דעם פּראָצעס פון יידיש־שאַפונג איז אפשר די פּרעכטיקע ליטעראַטור, וואָס איז דאָ אין יידיש־לשון, אונדזער „מאָדערנע״ אגדה, וואָס איז באַהויכט מיט די אייביקע ווערטן פון דעם יידישן וועלט־באַנעם און פון דער יידישער מענטשגעשטאַלטונג.

דער סוד פון יידיש באַשטייט אין דעם וואָס ס'איז אַ ציוויליזאַציע, וואָס ס'איז המשך פון דעם היינט מיטן נעכטן, און וואָס אָן דעם המשך מוז ערגעץ־וואו זיין נישט בלויז אַ ריס אין דעם היינט, נאָר אַ גוואַלד־ריס. ס'איז פאַראַן אַזאַ מין קראַנקהייט — אַמנעזיע — וואו דער חולה איז פיזיש געזונט, נאָר וואָס־זשע דען, ער ליידט פון דעם וואָס ער האָט פאַרלוירן דעם זכרון און ווייסט דעריבער נישט פינקטלעך ווער און וואָס ער איז. יידן אין אַמעריקע, אַרגענטינע, אומעטום און געוויס אין מדינת ישראל דאַרפן נישט זיין די געפאַנגענע פון דער פאַרגאַנגענהייט; זיי מעגן און דאַרפן אויספורעמען זייער אייגענעם אויטענטישן נוסח. אָבער אַ נוסח, אַ שטייגער, דער סטיל פון אַ ציבור מוז דאָך האָבן אַ היינט, וואָס איז באַהעפט מיטן נעכטן, וואָס טאָר נישט אַריבערשפּרינגען אָדער איבערהיפּען אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע, אין זיין געשיכטע. אויב יידיש איז געווען אַ ציוויליזאַציע, אַ נוסח אין אונדזער עקזיסטענץ, אַ תקופה אין אונדזער געשיכטע, דעמאָלט איז נישט מעגלעך, אַז יידיש לעבן אין אונדזערע טעג זאָל זיין פול און גאַנץ, זאָל פאַרמאָגן די שטריכן פון אַן עכטן נוסח און פון אַן אייגנאַרטיקן סטיל אָן יידיש ווי אַ שורשדיקער, אַ קערנדיקער און אַ ווירקנדיקער קאָמפּאָנענט.

אָט־דאָס דאַרף זיין אין אונדזערע טעג דער רוף און די מאָנונג פון יידיש, און אויף דעם מוז זיין אומעטום וואו ס'איז דאָ אַ ישוב פון אונדזער פאָלק, אַן אָפּרוף און אַ דערמאָנונג. יידיש ווי אַ ציוויליזאַציע איז נישט קיין „קאָנקורענט״ צו העברעאיש און אַוודאי נישט צו ענגליש אָדער שפּאַניש; ס'איז דער סוד און ס'איז דער יסוד פון אַ ווייטערדיקן יידישן נוסח און שטייגער אין אַלע לענדער, וואו יידן ווילן אויסמיידן אַמנעזיע און ווילן זיין גאַנצע, פולע, היסטאָריש־פאַראַנקערטע יידן און דאָך יידן מיטן פנים צום היינט און צום מאָרגן. אויב דאָס איז די עובדא פון יידיש אין אונדזער צייט, איז יידיש וואָך און יום־טוב, און ס'איז דאָ קדושה אין יידיש, און ס'איז דאָ אויך אין יידיש דער אָטעם פון אייביקייט.

---

## יידישער שול־וועזן אין מעלבורן

די יידישע טאָג־שול — שלום עליכם קאָלעדזש — פאַרענדיקט דאָס יאָר מיט אַ פיינעם סך־הכל. מען האָט צוגעקויפט אַ בנין און ער ווערט איבערגעבויט לויט די פאָרשריפטן פון געזונטהייטס־מיניסטעריום. אין אים וועלן זיך געפינען צוויי קינדערגערטנער.

דער בנין פון דער ש״ע־שול ווערט אויסרעמאָנטירט, כדי צו קאָנען אויפנעמען צום נייעם שול־יאָר די דריי קלאַסן פון דער טאָג־שול.

די י. ל. פרץ־שול בויט אַ נייעם בנין אין בולין. ער וועט זיין פאַרטיק אין פעברואַר 1977. דאָרט וועט זיך געפינען אַ פול־טאָגיקער קינדערגאָרטן און די י. ל. פרץ זונטיק־שול.

די ש״ע זונטיק־שול פאַרענדיקט דעם לערן־יאָר מיט אירע טראַדיציאָנעלע יום־טובים. די אַרויסלאָז־פייערונג פאַר די אַביטוריענטן, אויף וועלכער די שילער לייענען פאָר זייערע אַרבעטן.

צומאָרגנס — זונטיק, דעם 12־טן דעצעמבער — קומט פאָר אַ קאָנצערט, צוגעגרייט פון די לערער און שילער. ס'ווערן פאַרטיילט פרעמיעס און דיפּלאָמען.

אַזאַ קאָנצערט אָרדנט אויך איין די י. ל. פרץ־שול.

---

ד"ר יעקב י. מייטליס (לאָנדאָן)

# די כאַזאַרן און די מזרח־אייראָפּעישע יידישקייט

די יידישע מדינה פון די כאַזאַרן (כוזרים) איז פאַרוועבט אין זכרון פון פאָלק מיט פילצאָליקע ראָמאַנטישע געשיכטעס און פאַנטאַסטישע לעגענדעס. אָבער די יידישע מדינה איז נישט בלויז געווען אַ שיין, האַרציק פאָלקסמעשהלע פון אַ פרעמד פאָלק אין מרחקים, נאָר אַ היסטאָרישע רעאַליטעט. זי האָט עקזיסטירט מיט גרויס שטאַנדהאַפטיקייט און גבורה אין משך פון לאַנגע דורות אינעם ווייטן וואָלגאַ־סטעפּ, צווישן דעם קאַספּישן ים און דעם שוואַרצן ים, און געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע אין דרום־מזרח אייראָפּע און אין די שכנותדיקע אַזיאַטישע לענדער. די כאַזאַרן זענען תחילתדיק געווען האַלב־נאָמאַדן, פלינקע רייטערס און מוטיקע קעמפערס, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון טערקישע שבטים אין מיטל־אַזיע, איידער זיי זענען געוואָרן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך און געשאַפן זייער אייגענע, שטאַרקע און אומאָפּהענגיקע מלוכה.

ווי ביי אַ סך אַנדערע פעלקער, איז אויך די געשיכטע פון דער כאַזאַרישער מדינה, איר אָנהייב און אויפשטייג, איינגעהילט אין אַ היסטאָרישן נעפּל מיט ווייניק באַגלייבטע ידיעות אויף וואָס מ'זאָל זיך קענען סומך זיין. עס האָט מסתמא גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז עס האָט זיך אויסגעפורעמט בהדרגהדיק זייער פאָלקישע אידענטיטעט און טעריטאָריעל־פּאָליטישע סאָוועריניטעט. זיכערע און באַגלייבטע ידיעות וועגן די כאַזאַרן און זייער מדינה פאַרמאָגן מיר אָבער שוין פון 8־טן י"ה, בשעת זיי זענען אויסגעוואַקסן צו אַ דאָמינירנדיקן פּאָליטיש־מיליטערישן כּוח מיט וואָס די שכנים און די גרויס־מאַכטן פון יענער צייט האָבן זיך געמוזט רעכענען. מיט איר וויכטיקער סטראַטעגישער פּאָזיציע האָט די מדינה געהאַט אין איר הענט אַ שליסל־שטעלונג צווישן די ביידע דעמאָלטיקע גרויס־מאַכטן, די ביזאַנטישע אימפּעריע פון מערב און דעם מיליטאַנטישן איסלאַם פון מזרח. בשעת די נצחונדיקע אַראַבער האָבן אין נאָמען פון זייער נייעם מחמדאַנישן גלויבן געהאַט באַצוואונגען פעלקער און לענדער אין די אַזיאַטישע געביטן, איז זייער אינוואַזיע אויף צפון, אין די טעריטאָריעס פון רייסן־קיעוו געוואָרן אָפּגעשטעלט אין יאָר 732 פון די מעכטיקע כאַזאַרן. אָט דער נצחון פון די כאַזאַרן איבער די אַראַבער אין זייער שטורעמדיקן מלחמה־גאַנג, איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער אייראָפּעאיש־רוסישער געשיכטע. ער האָט פאַרהיט, אַז די רוסלענדישע פעלקער זאָלן נישט אָננעמען דעם איסלאַם, נאָר גאָר דעם גריכיש־אָרטאָדאָקסישן (פּראַוואָסלאַוונע) גלויבן, ווי עס איז געשען שפּעטער.

בערך אינעם יאָר 740 האָט דער כאַזאַרן־קעניג בולאַן זיך מגייר געווען און צוזאַמען מיט אים דער קעניגלעכער הויף און די פּני פון לאַנד. מיטן אָננעמען פון דער יידישער אמונה, איז די מדינה געוואָרן בפירוש אַ יידישע. מיר ווייסן שוין היינט נישט מער, ווי ווייט דער יידישער דת, מיט זיינע מסורות, מנהגים און שטייגער איז אַריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטן פון פאָלק און געפונען אַן אָנשפּאַר אין זיין טעגלעכן לעבן. מיר הערן נאָר שפּעטער פון סינקרעטיסטישע נטיות ביי די כאַזאַרן, וואָס זענען געווען אָפּנים אַ פּועל־יוצא פון אַלט־איינגעבאַקענע גלייבענישן, געצנדינערישע עלעמענטן און השפּעות פון דעם אַרום, וואָס זענען געווען שווער אויסצוּוואָרצלען מיט אַמאָל, און זענען געשטאַנען אין אַ סתירה צו דעם ריינעם, דערהויבענעם מאָנאָטעאיזם פון יידישן פאָלק.

ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ נייער, אויפגעקומענער יידישער מדינה, וואו די יידישע אמונה איז געווען אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר, וואָס האָט ביסלעכווייז איבערגעפורעמט ספּיריטועל און פאָלקיש דעם אַמאָליקן טערקישן שבט.

שוין דער פאַקט אַליין וואָס אַ שטאַרקע און סאָוועווערענע מלוכה האָט אָנגענומען די יידישע אמונה, האָט אין יענער צייט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם נישט בלויז אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער אַרומיקער גוישער וועלט. די ידיעות וועגן אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה אין אַ ווייט לאַנד, האָט אַרויסגערופן ביי יידן אין די מערב־לענדער, וואָס זייער מערכה אונטער די קריסטלעכע מושלים איז געווען אַ שווערע און אַ פינצטערע, התפּעלות און פאַרוואונדערטקייט, פרייד און שטאָלץ. ווי דערמאָנט, זענען אַרומגעגאַנגען כלערליי פאַנטאַסטישע שמועות און ראָמאַנטישע מעשיות, וואָס האָבן געוואַרעמט און געקוויקט די פאַראומערטע און פאַרחלשטע הערצער פון יידן וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אָ ישועה. אַז עס איז צו זיי דערגאַנגען די שמועה פון די „רויטע יידעלעך", ווי מ'האָט באַצייכנט די כאַזאַרן צוליב זייער מאָנגאָלישער פּיגמענטאַציע, האָבן מיטלעלטערלעכע יידן געגלייבט, אַז דאָס איז אַן אָפּגעפונענער שבט פון די פאַרלוירן געגאַנגענע „עשרת השבטים". היינט, וואָס פאַר אַ חידוש, אַז יידישע געמיטער אין זייער שפלות און פּיין, זענען געוואָרן אויפגעטרייסלט און געהאָפט אויף אַ באַלדיקער גאולה.

אויך אינעם צעבליטן יידישן ישוב פון שפּאַניע,

אונטער דער טאָלעראַנטער הערשאַפט פון די אַראַבער, האָט די בשורה פון אַ יידישער מדינה אַרויסגערופן פאַראינטריגירטקייט און אינטערעס. דער באַקאַנטער געלערנטער און מלוכה־מאַן אינעם הויף פון קאַליף אבדול רחמן אין קאָרדאָווע, חסדאי אבן שפרוט, האָט אין 10־טן י״ה זיך צונויפגעשריבן מיטן קעניג יוסף פון די כאַזאַרן, און ביי אים געבעטן אינפאָרמאַציעס בנוגע דער מדינה, איר פּאָליטישן סדר, פאָלק און גיור. מלא התפעלות, האָט חסדאי אַפילו געפּלאַנט צו פאַרלאָזן שפּאַניע און זיך אַריבערכאַפּן אין לאַנד פון די כאַזאַרן. מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף דער תשובה פון קעניג יוסף, וואָס איז געווען אַ באַריכותדיקע און פּרטימדיקע ביז גאָר. מיר ווייסן נישט צוליב וואָס פאַר אַ סיבות חסדאַי האָט זיך נישט געלאָזט אין וועג אַריין, אפשר צוליב די גרויסע שוועריקייטן פון אַזאַ ווייטער נסיעה אָדער אַנדערע פּאָליטישע טעמים. אגב, היסטאָריקער'ס האָבן אַפילו אַ חשד אַז די קאָרעספּאָנדענץ מיטן מלך יוסף, ווי ווייט זי האָט זיך אויפגעהיטן, איז נישט אין גאַנצן אויטענטיש.

ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, אין דער צווייטער העלפט פון 10־טן י״ה האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון דער כאַזאַרן־מדינה. עס האָבן זיך געמערט כסדרדיקע אָנפאַלן פון שכנותדיקע פעלקער און דער עיקר פון די דרייסטע רוסישע ים־רויבער פון דרום־אייראָפּע, וואָס האָבן געשטעלט אין סכנה דעם קיום פון דער מדינה. ערשט אין מיטן פון 13־טן י״ה איז די כוזרים־מדינה געפאַלן אַ קרבן פון דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן. ווי דער היסטאָריקער סאַלאָ באַראָן פירט אויס, האָט זיך אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג אויסגעמישט און געוואָרן אַבסאָרבירט פון די מאָנגאָלן. רעשטלעך פון די יודאַיזירטע כאַזאַרן זענען אַוועק פון זייער אַלטער היים און געצויגן אין די צפון־מזרח קאַנטן פון די רחבותדיקע סלאַווישע לענדער, און זיך דאָרט פון דאָס ניי פאַרוואָרצלט. לאָמיר נאָך דאָ דערמאָנען, אַז יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון די נגישות און רדיפות אינעם קריסטלעכן ביזאַנץ און אויך אין פּערסיע, האָבן זיך שוין אין פריערדיקע יאָרהונדערטער באַזעצט צווישן די כאַזאַרן, לאַנג פאַר זייער גיור, און זענען געווען מזל־ברכהדיק ביז גאָר פאַרן פאָלק און לאַנד. מיטן אָנהויב פון דער פּאָליטישער ירידה פון דער מדינה, האָט אַ גרויסער טייל פון אָט די צוגעקומענע יידן גענומען אויסוואַנדערן און געזוכט אַ נייעם מקום־מקלט אין די סלאַווישע געמאַרקן, וואוהין דער שטראָם פון יידישע אימיגראַנטן האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען דער אָפּשפּראָץ פון די איינגעיידישטע כאַזאַרן, וואָס האָט מיט דער שטראָמיקער יידישער אימיגראַציע, דער עיקר פון מערב, פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער אויפגייענדיקער יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע.

אַקעגן וואָס האָבן מיר מאריך געווען מיט דער געשיכטע פון די כאַזאַרן? אַקעגן דעם באַקאַנטן שרייבער און עסייאיסט, אַרטור קעסטלער וואָס איז איצט אַרויסגעקומען אין זיין לעצט בוך „דער דרייצנטער שבט" מיט אַ נייע טעאָריע וואָס איז דווקא נוגע דעם גרויסן ציבור מזרח־אייראָפּעאישע יידן, אַמאָל און היינט. פון קדמונים רעדט די יידישע מסורה פון צוועלף שבטים, קומט קעסטלער צו גיין און איז מוסיף אַ דרייצנטן שבט, נישט חלילה פון אַן אָפּגעפונענעם, אַלטן שבט פון די „עשרת השבטים", נאָר צו להכעיס — אַ שפּאָגל־נייעם שבט כאַזאַרן וואָס זיין צעהיצטע פאַנטאַזיע האָט באַשאַפן! ניין, ער איז אויסן עפּעס אַנדערש. דער קלוגער און גוט־באַדאַכטער שרייבער און פיינער עסייאיסט, אַרטור קעסטלער, נעמט זיך איצט מחדש צו זיין אַ נייע תורה אין דער געשיכטע פון יידישער פאָלקישקייט. זיין טענדענץ איז קלאָר. ער, דער אָפּגעפרעמדטער ייד וואָס האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַ גט זיין אַמאָליקער יידישקייט מיט איר גרויסן עבר, וויל באַווייזן מיט היסטאָרישע ראיות, אַז פאַקטיש איז נישט פאַראַן קיין המשכדיקייט אין לעבן פון יידישן פאָלק, נישט ביאָלאָגיש און נישט גייסטיק־שעפעריש. ווי קען מען רעדן, וויל אונדז אַפּנים קעסטלער איבערצייגן, פון אַ גענעאַלאָגישער יידישער איינציקייט, אויב די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, און אין דעם כלל דער רוב פון היינטיקע יידן, שטאַמען גופא פון די כאַזאַרן און אין זייערע אָדערן פליסט אוגראַ־פיניש בלוט. זיי זענען דאָך גאָרנישט די אמתע יידן מיט זייער סעמיטישן יחוס־בריוו פון די אַמאָליקע, ווייטע תנכישע דורות.

אַ שרייבער פון דעם פאַרנעם ווי אַרטור קעסטלער וואָלט כ'לעבן געמעגט זיין זאָרגעוודיקער און פּינקטלעכער מיט זיינע הנחות און איבערגעאיילטע מסקנות. עס וואָלט באמת גאָרנישט געשאַדט אויב ער וואָלט זיך אַ ביסל מער פאַרטיפט אין די אימאַנענטע פּראָצעסן פון דער יידישער געשיכטע, בפרט אין דער מסכתא פון גיור ביי יידן. נישט בלויז יחידים וואָס זענען געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער לויטערקייט פון דער יידישער אמונה און ריינקייט פון יידישן לעבן, נאָר אויך גאַנצע משפחות, קעניגלעכע הייזער און שבטים, האָבן זיך אין משך פון דורות מגייר געווען און אַריין אין כלל ישראל. יידן האָבן קיין מאָל נישט געפרעגט פון וואַנען זיי שטאַמען, וואָס פאַר אַ בלוט עס פליסט אין זייערע אָדערן. מ'ווערט אַ ייד אויב מען איז מקבל אויף זיך דעם עול פון יידישקייט, די יידישע אמונה מיט אַלע אירע כללים און מצוות. מיטן אַקט פון זיך איינייִדישן ווערט דער גר אַ בן־ישראל אין אַלע פּרטים, אַ לעבעדיקער גליד פון גאַנצן פאָלק, גלייך מיט אַלע אַנדערע יידן. דאָס לערנען מיר אָפּ פון דער געשיכטע פון די עלטסטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז אויך חל געווען אויף די כאַזאַרן וואָס האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה, און זייערע אָפּשפּראָצן האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין די מזרח־אייראָפּעאישע געמאַרקן, זיך אויסגעמישט ווי אַלע אַנדערע גרים מיטן יידישן פאָלק און געוואָרן אַ טייל פון אים. יידן האָבן אויף זיי

געקוקט נישט ווי אויף טאַטערן אָדער טערקן, נאָר ווי אויף אמתע, געטרייע יידן. די פראַגע פון בלוט און „ראַסע” איז דאָ לחלוטין געוועזן איבעריקע, און זאָל אונדז קעסטלער מוחל זיין, די גאַנצע טעאָריע איז שוין היינט אַ פאַרעלטערטע און אַ לאַנג־אָפּגעפרעגטע.

קומט, על כן, אויס לויט קעסטלערן, אַז די כאַזאַרן זענען די אמתע אבות פון די היינטיקע יידן און זיי זענען גאָר די אמתע אייניקלעך פון די אַלטע טערקן. מוז מען אָבער פרעגן, וואָס איז טאַקע מכוח דער אימיגראַציע וואָס איז אָנגעגאַנגען כסדר פון די מערב־לענדער קיין מזרח־אייראָפּע און אַרויפגעלייגט איר בולטן חותם אויף די נייע ישובים? האָט זיך דאָך אויף אַזאַ אופן אויסקריסטאַליזירט אין משך פון דורות אַן אייגנדיקע יידישקייט פון אשכנזישן שניט, מיט תורה און חכמה, מיט מסורות און אַ לעבן־שטייגער, נוסח און אַ זאַפטיקע פאָלק־קולטור, און דערצו דער פריש־פאַרזייטער אויפגיי פון יידיש ווי די שפּראַך פון יידן. איז דאָך דאָס געווען די גראַנדיעזע סינטעזע פון דער אשכנזישער און מזרח־אייראָפּעיִשער יידישקייט! קעסטלער איז אָבער דאָס נישט גורם, עס פּאַסט זיך נישט אַריין אין זיין צוגעשניטענעם רעמל. ער אַרגומענטירט, אַז אין יענע דעצידירנדיקע תקופות זענען בכלל נישט געווען קיין יידן אין די מערב־צענטערס, וואָס זאָלן זיין בכוח צו שפּייזן אַ שטאַרקן אימיגראַציע־שטראָם קיין מזרח־אייראָפּע. דער מערב איז לויט זיין סברה געווען לגמרי „יודן־ריין”! על כן, זענען דאָס געווען די כאַזאַרן וואָס האָבן אי נומעריש און אי גייסטיק אויפגעשטעלט די מזרח־אייראָפּעיִשע יידישקייט, און ער פירט אויס, אַז זיי זענען געווען אַ הונדערט פּראָצענטיקער פאַקטאָר אין אָט דעם היסטאָרישן פּראָצעס! הגם די דאָזיקע טעאָריע איז שוין געוואָרן אַרויסגעזאָגט פריער און געוואָרן אָפּגעפרעגט פון ערנסטע היסטאָריקערס, איז פאַר אונדזער מחבר אַ תורת משה אמת, אויף וואָס ער בויט אויף זיינע פיקטיווע און סענסאַציאָנעלע רעוועלאַציעס.

אַוודאי זענען צוגעקומען צו די עלטסטע יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער מיטן שטראָם פון מזרח אויך יודאַיזירטע כאַזאַרן, אָבער ווי גרויס עס איז געווען זייער צאָל און די ראָל וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דער אויספורעמונג פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן קיבוץ, דאָס קענען מיר שוין היינט היסטאָריש נישט פעסטשטעלן. קלאָר איז אָבער, לכל הדעות, אַז די כאַזאַרן וואָס זענען אָנגעקומען קיין פוילן און זיך דאָרט פאַרוואָרצלט, זענען געווען אמתע יידן, גלייך מיט אַלע אַנדערע. היינט, צוליב וואָס שאַפן אַ קינסטלעכן חילוק און קאָנסטרואירן אַ נייע פיקטיווע שיטה אין דער יידיש־רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און איר המשכדיקייט?

אָבער דער נוסח־קעסטלער מיט זיין אויסטייטש פון היסטאָרישע פּראָצעסן, האָט נאָך אויפצואווייזן אַ שפּאָר ביסל אַנדערע בלויזן און פיקציעס. אַזוי איז דאָס אויך מיט זיין „וויסנשאַפטלעכן” צוגאַנג צו לשון יידיש. ווי אַזוי דערקלערט מען דעם זעלטענעם פענאָמען פון אַ צעבליטן, זאַפטיקן יידיש אין די מזרח־אייראָפּעיִשע קיבוצים, אויב עס איז נישט געווען תחילתדיק קיין וואָגיקער אימיגראַציע־שטראָם פון די אשכנזיש־מערבדיקע יידן, וואָס האָבן אַריבערגעטראָגן די שפּראַך פון זייערע אַלטע היימען אין די נייע ישובים? אָבער אויף קעסטלערן טאָר מען נישט פרעגן קיין שאלות. מיט זיין אינטעלעקטועלער חריפות, האָט ער אויך אויף דעם אַ גרייטע תשובה. יידיש — זאָגט ער — איז אויפגעקומען דווקא אין מזרח־אייראָפּע. די כאַזאַרן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין פוילן האָבן זיך אויסגעלערנט דייטש אין זייער טעגלעכן מגע־משא מיט די דייטשישע קאָלאָניסטן און בורגהערן אין די שטעט! אָט דאָס איז אונדזער יידיש ווי עס האָט זיך אויסגעצייטיקט אין די פוילישע מדינות און געוואָרן אַ באַדייטנדיקער, נאַציאָנאַלער קולטור־פאַקטאָר אין יידישן לעבן! סיי ווי סיי, איז יידיש פאַר דעם אייראָפּעיִשן גדול, קעסטלער, בכלל נישט קיין שפּראַך, נאָר אַ מיאוסער זשאַרגאָן, אַ פאַרדאָרבן דייטש! אויך אין דעם פּרט איז דער מחבר נישט אָריגינעל. ער הזרט איבער נאָר די אַלטע, אויסגעדראָשענע טענה פון אַמאָליקע מלומדים און משכילים אין דייטשלאַנד פון 19־טן י״ה. זיי האָבן מבטל געמאַכט יידיש וואָס איז געווען אַ באַדייטנדיקער שטער פאַר זייערע אויפקלערער־ און עמאַנציפּאַציע אַמביציעס. אַן אַלטער פּזמון, וואָס טויג זיך אָבער זייער גוט פאַר זיין אידעאָלאָגישן פּסק־דין. פון דער מאָדערנער יידישער וויסנשאַפט, מיט אירע וואָגיקע אויפטוען אין תחום פון שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשונג, האָט קעסטלער אַפּנים גאָר אַ קנאַפּע השגה. די אַלע פאָלקישע און געשיכטלעכע פאַקטאָרן האָבן אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר אים, ער קען יוצא זיין אָן זיי.

אין דער אמתן האָבן מיר דאָ צו טאָן, ווי שוין דערמאָנט, מיט אַ קלאָרער טענדענץ־שריפט. וואָס קעסטלער וויל באַווייזן איז, אַז סיי ער און סיי דער היינטיקער ציבור יידן קערן זיך גאָרנישט אָן מיט דער היסטאָרישער יידישקייט, וואָס האָט אין משך פון לאַנגע דורות אויסגעפורעמט איר נאַציאָנאַלע אידענטיטעט און קולטורעלן קלסתר־פּנים. מיר אַלע שטאַמען נישט אָפּ פון דער סעמיטישער גזע נאָר פון די מיטל־אַזיאַטישע טערקן. הייסט דאָס, על כן, אַז מיר זענען גאָרנישט די היסטאָרישע יידן ווי מיר האָבן געטראַכט. איז דעריבער זיין פּאַראַדאָקסאַלער פּועל־יוצא, אַז דער שגעון פון אַנטיסעמיטיזם קען בפירוש נישט חל זיין אויף אים און אויף אונדז היינטיקע יידן! היינט, גיי און משפּט זיך מיט די צעהיצטע שונאי־ישראל, אַז זיי מאַכן אַ פאַטאַלן טעות. אָבער נישט גענוג מיט אָט דער סענסאַציאָנעלער רעוועלאַציע, קומט נאָך אַ צווייטער און ממש אַ ביז גאָר ווילדער און טראַגישער קוריאָז: אויב מיר יידן פון היינט האָבן גאָרנישט קיין שום שייכות מיט דער קלאַסישער, היסטאָרישער יידיש־

קייט, האָבן מיר ממילא אויך נישט קיין שום תביעה אויף ארץ־ישראל. דאָס צוגעזאָגט לאַנד פאַרן פאָלק ישראל. די הייַנטיקע ייִדן איבער גאָר דער וועלט זענען נישט די אמתע יורשים וואָס קומען מיט אַ היסטאָרישן רעכט אויפמאָנען און אָפּנעמען די ירושה פון אַמאָליקע דורות! וואָס איז אָבער, ווילט זיך פרעגן, מיט די ספרדים, אָדער אַ שטייגער די תימנער אָדער גאָר קורדישע ייִדן, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט קיין שום מחזקות מיט די כוזרים? דאָס איז נישט קיין ענין פאַר קעסטלערן דעם שרייבער! זיין אויספיר איז בלויז, אַז מיר ייִדן זענען פונקט אַזוי ווי ער גופא, פרעמדע, אַן אָפּגעריסענער אבר פונעם ייִדיש־היסטאָרישן כלל. אַזוי ווייט דערגייט קעסטלערס אַבסורד!

דער היוצא־לנו־מזה איז, דוכט זיך, אַ קלאָרער. קעסטלער דער אָפּגעפרעמדטער, פרוסטרירטער ייִד, מיט אַ שפּאַלט אין זיין נשמה, וויל בכיוון פּטור ווערן פון זיין ייִדישקייט און זיין ייִדישער אידענטיטעט, וואָס איז פאַר אים אַ טראַוּמאַטישער, ביטערער נסיון. ווייל ער דערפון אַנטלויפן מיט אַלע כוחות און אַרויס אויף דער פריי, אין אַ וועלט וואָס איז נישט באַלאָדן מיט ייִדישער ירושהדיקייט און גורלדיקייט. זיין צוגעטראַכט בוך „דער דרייצנטער שבט" איז נישט קיין היסטאָרישע פאָרשונג, נאָר אַ שיינע פיקציע מיט חריפותדיק־בליציקע סברות און איינפאַלן, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ אָריגינעלן און ראַפינירטן שרייבער. ער זוכט אַ תיקון פאַר זיך, אָבער די רפואה איז בלויז פאַרן מוח און נישט פאַרן נפש. ווי האָט דאָס אַמאָל היינע אויסגעדריקט: „מאַן מערקט זיך די אַבזיכט און מאַן בלייבט פאַרשטימט!" דער שפּאַלט אין דער נשמה פון די ייִדישע אַנטלויפערס און פורשים פאַרבלייבט. אינעם אַנטלויפן פון ייִדישער גורלדיקייט איז קיין תיקון פאַר דער נשמה נישט פאַראַן.

# מיניאַטור־דעפיניציעס

יצחק קאַהאַן

אַן אינטערעסאַנטע דעפיניציע פון ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג וועגן דער קלאַסיפיצירונג פון די פיר כאַראַקטערן אין דער הגדה. ער מיינט די אַרבע בנים, וואָס זענען אַזוי גראַדליניק כאַראַקטעריזירט געוואָרן און ער פרעגט: ווי איז דאָס, אַז פיר קינדער פון זעלבע טאַטע־מאַמע איז איינער אַ חכם, דער צווייטער אַ רשע, דער דריטער אַ תם, און דער פערטער — אַ שאני יודע לשאול — און אַז ער ווייסט אַפילו נישט אַז מען דאַרף פרעגן ?...

איז דער אמת — זאָגט שטיינבערג — אַז יעדער איינער פון די בנים פאַרמאָגט עפּעס פון דעם צווייטן. עס איז באַקאַנט אַז דער חכם קען אויך פאַרמאָגן אַ היפּשע מאָס רשעות, און דער רשע קען אויך האָבן חכמה. דער חכם איז אַמאָל אַ תם און אַפילו אַ שאני יודע לשאול... און ווידער פאַרקערט: דער תם האַנדלט אַ סך מאָל קליגער ווי דער פאַטענטירטער חכם, און דער וואָס מען האָט געמיינט, אַז ער איז גאָר א שאני יודע לשאול — אַז ער ווייסט אַפילו נישט צו פרעגן — ער פרעגט שוין יאָ!... און ער ווערט — וואָס ווערט ער דען נישט?...

אין דער גאַנצער וועלט־פּאָליטיק שפּיגלט זיך אָפּ שטיינבערגס קלוגע כאַראַקטעריזאַציע. אָבער דאָס געהער נישט דאָ צו אונדזער טעמע. וואָס אונדז גייט דאָ איז וועגן דעם גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע אין דער היינטיקער תקופה, וואָס באַוועגט זיך פיל־פנימדיק אויף דעם צעשיידוועג פון דורות און צייט־אָפּשניטן. דורך אַ געשיכטלעכע דיסטאַנץ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאָר אין אַן אַנדער ליכט די וועלט פון אונדזערע עלטערן, אין וועלכער דאָס מאָראַלישע און גייסטיקע האָט געהאַט אין זיך אַזאַ שטאַרקן ייִדיש־עמאָציאָנעלן כוח, וואָס קיין שטורעם־ווינט האָט נישט געקענט אומוואַרפן און אויסרייסן מיטן וואָרצל.

אמת, מיר לעבן אין אַן אַנדער וועלט און צייט. אָבער אַ מענטש, בפרט אַ ייִדישער מענטש, ווערט וואַקלדיק אויב ער פאַראַנקערט נישט ביי עפּעס וואָס האָט אַ יסוד. מיר האָבן עס שטאַרקער געפילט נאָכן חורבן, ווען אַ לעבנגעבליבענער ייִד האָט זיך דערשפּירט, ווי ער וואָלט נאָך אַ גרויסן שיפסברוך אַוועקגעשוואומען אויף אַ ברעט ערגעץ־וואו, אָפּגעריסן פון וואָרצל און באָדן. דעריבער גייט אונדז נאָך דאָס בילד פון דער אַלטער היים, פון איר וואָרצלדיקייט און חלום, וואָס האָט זיך אַריינגעזונגען אין אונדזערע רמ"ח אברים, ווי דער נשמה־ניגון צו יענעם „נישטאָ". מיט יענעם „נישטאָ" — זאָגט ערגעץ גלאַטשטיין — איז פול געוואָרן די ליידיקייט אַרום אונדז...

ווי טרעפלעך עס האָט דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט, ראָבערט פראָסט, באַזונגען די היים פון דער קינדהייט און יוגנט, וואָס איז „דער אָרט וואו דו קענסט אַנקלאַפּן אין טיר און מען מוז דיר אַריינלאָזן"... און מיר קלאַפּן זייער אָפט אין דער דאָזיקער טיר פון אונדזערע חלומות. קען דען אַ ייִדישער מענטש לעבן אָן אַ חלום? עס וואָרצלט דאָך אין או:דזער בלוט דורך טויזנטער יאָרן, אָנהייבנדיק פון די אָבות. ווי שיין דער חומש דערציילט אונדז פון יעקבס חלום, אונטערוועגנס, אויף זיין נע־ונד־וועג, שלאָפנדיק אויף אַ האַרטן שטיין אונטערן קאָפּ, האָט ער געזען דעם לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט צום הימל. אונדזער גאַנצע געשיכטע טראָגט מיט זיך דעם חלום פון יעקב אָבינוס לייטער מיט זיין ייִדישער און אַלמענטשלעכער סימ־

באַליק פון גאולה. אין דעם שטעקט דער אַלט־יונגער כוח פון אונדזער פאָלק אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ, זיין דראַנג צו לעבן און שאַפן.

מיר האָבן לעצטנס געפייערט יהואָשס הונדערטסטן געבוירן־טאָג און אָפגעצייכנט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער יידישער קולטור. וויל איך דאָ נאָר ציטירן זיינס אַ קורץ ליד א״נ „דער ענטפער״:

כ׳האָב אין אַ שפּאַלט פון טויטע פעלדזן
געזען אַ דאַרן יתום־קוסט;
ווי קאַלט איז דאָ, ווי פּוסט איז דאָ?
זיין ענטפער האָט פאַרקלעמט מיין ברוסט:
כ׳וויל לעבן.

איך האָב אין מיטן פון אַ זאַמדוועג
אַ קליין מוראַשקע־נעסט געזען;
אָ שוצלאָזע, וואָס בויסטו דאָ,
אויף וועלכן צופאַל טרויסטו דאָ?
דער ענטפער איז אַ שלוכץ געווען:
כ׳וויל לעבן.

דער דאַרער קוסט צווישן שטיינער־פעלדזן און די קליינע שוצלאָזע מוראַשקע ווילן לעבן, זיי ראַנגלען זיך פאַר עקזיסטענץ מיט אַלע שטערערס. און אַ ישוב, אַ פאָלק זאָל אויפגעבן זיין עקזיסטענץ? אָט דער געראַנגל פאַר אַ יידישן קיום, איז דאָך געוואָרן די צענטראַלע אַקס פון דער יידישער ליטעראַטור צו שמידן ווייטער דעם יידישן יסוד פון קולטור־זעלבסטשטענדיקייט, גאַנץ צו מאַכן דאָס פאָלק און דאָס יידישע לעבן. דער יידישער שרייבער לעבט דורך שווער דעם מצב פון אונדזער יידיש לשון. ער זוכט מיט זיין לאַמטערן דעם געטרייען יחיד, ווי עס זינגט אין איינעם פון אירע לידער, די מאַרטירערין־פּאָעטעסע, חנה סענעש. זי שרייבט:

אין קריג, אין שרפה, אין צעכוואַליעטן פלאַם,
צווישן בלוט־צעשטורעמטן ים,
צינד איך מיין לאַמטערן דעם קליינעם,
צו זוכן אַ מענטש — כאָטש איינעם.

צו אָט דעם איינעם מענטש רעדן מיר ביים שרייבטיש זיך אַראָפּ פון אַלץ וואָס ליגט אונדז אויפן לונג, „אונטערן שטערצל״. מיר גלויבן אין וואָרט, אין אמת־דיקן וואָרט, אַרויסגעבראַכט מיטן פלאַמיקן געפיל און דורכגעטראַכטער מחשבה. אָט דאָס וואָרט בלייבט אויף אייביק ערגעץ פאַרקריצט, בעת דאָס פאַלשע וואָרט ווערט פאַרדעקט מיטן שטויב, ווערט פאַרגעסן, ווי דער וועטער פון אַ פאַרגאַנגענער צייט.

ווי טרעפלעך האָט דער נביא אונדז דערמאָנט, אַז נישט אין טומל און אין ליאַרעם איז דאָ גאָט. דער עכטער שרייבער זוכט נישט מיט זיין שטים איבערשרייען דעם טומל. וואָס שטילער זיין לשון, אַלץ מער וועט מען אים דערהערן. ער ווייס צו גוט, אַז אַלץ וואָס איז אויסגעהוילט, ווען עס איז פּוסט אינעווייניק, גרילצט עס און פאַרהילכט די וועלט.

פרעגט מען אונדז: וואָס טוט מען מיט די, צו וועלכע עס דערגייט נישט אונדזער וואָרט? האָט ר׳ מענדעלע קאָצקער גענומען אַ פסוק און אויסגעטייטשט מיט אים אָט די נפשות ביי וועלכע דאָס מענטשלעכע האַרץ איז פאַרקאַלכט געוואָרן, טאַקע ר״ל אַ מין גייסטיקע סקלעראָזע. „אָט זאָגט מען 'ושמתם את דברי אלה על לבבכם' („איר זאָלט מיינע דאָזיקע ווערטער אַרויפטאָן אויף אייערע הערצער״), פאַר וואָס שטייט נישט: אין אייערע הערצער? (בלבבכם?). אויף דעם האָט דער קאָצקער געענטפערט, אַז ווען די הערצער ווערן פאַרשטאָפּט, פאַרהאַקט, דאַן איז פאַראַן נאָר איין עצה דאָס וואָרט זאָל דאָרט קענען צוקומען — עס מוז ליגן ווי אַ שטיין אויפן האַרץ, דאָס האַרץ זאָל זיך מוזן אויפעפענען צוליבן שווערן דרוק און אַריינלאָזן אינעווייניק דאָס וואָרט פון אמת...

*

עס דערמאָנט זיך, ווען איך האָב אין רוים געזען מיכל אַנדזשעלאָס סקולפּטור „דוד״, צוזאַמען מיט אַ טוריסטן גרופּע. אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט אונדז געפירט, געגעבן דערקלערונגען, האָט ביי דער „דוד״־סקולפּטור אַזוי געזאָגט: מיר האָבן געזען היינט פאַרשיידענע סקולפּטורן, און אָט זעט, ווי דער גרויסער מייסטער מיכל אַנדזשעלאָ האָט נישט אויסגעקליבן אַ צעזאַר, אַ קעניג־העלד, אָדער אַ גיבור, צי אַ ריז פאַר זיין מוסטער פיגור, נאָר ער האָט דווקא אויסגעקליבן אַ יינגל, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן אַ ריז, אַ הערקולעס־העלד. מיט וואָס האָט אים דאָס יינגל באַזיגט? — מיט דער בליק פון זיינע אויגן, וואָס איז געווען קינדעריש, ליריש און מענטשלעך. דאָס טיף־מענטשלעכע פון דודן האָט געבונדן און באַצוואונגען דער ריז גליתן.

*

וויל איך דאָ מסיים זיין מיט מאַרטין בובערס אַ שילדערונג, וואו ער שרייבט: „ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געלייענט אַן אַלטע יידישע לעגענדע, וואָס איך האָב זי נישט געקאָנט פאַרשטיין. זי האָט דערציילט אָט וואָס: ביי די טויערן פון רוים זיצט אַ קרעציקער אָרעמאַן און וואַרט. דאָס איז משיח. בין איך אַוועק צו אַן אַלטן מאַן און געפרעגט: — אויף וואָס וואַרט ער? און דער אַלטער מאַן האָט מיר געענטפערט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב דעמאָלט נישט געקענט פאַרשטיין. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך דאָס באַנומען, וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן. ער האָט געוואָלט מיר זאָגן:

— ער וואַרט אויף דיר.

יעדער איינער פון אונדז דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז פון אים הענגט אָפּ דער גורל פון פאָלק, און יעדער פון אונדז טראָגט אחריות פאַר דעם. די צוקונפט פון פאָלק ליגט אין זיינע הענט.

סענדער בורשטין

# מלך ראַוויטש אין אויסטראַליע

(זכרונות פון אַ מאָל)

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך שוין דערציילט וועגן מיינע פאַרבינדונגען מיטן „אויסטראַליער געזערד“, וועגן דעם פּאָליטישן „מאָסקווער פּראָצעס“ און זיין אורטייל איבער מיר. דער דאָזיקער גאַנצער אינצידענט האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן ווייטיק און פאַרדרוס. אַזוי פיל האָפענונגען און אַרבעט אַריינגעלייגט און אַזאַ פיינלעכע אַנטוישונג. פיל האָבן זיך מיט מיר סאָלידאַריזירט, סיי אַלס אויסדרוק פון פריינטשאַפט, סיי אַלס פּראָטעסט קעגן די קאָמוניסטישע שטיק, סיי אידעאָלאָגיש־געזעלשאַפטלעך, און האָבן צוזאַמען מיט מיר פאַרלאָזט דעם „געזערד“.

אין אַלגעמיין איז ביי אַלע די שטימונג געווען אַ געדריקטע, אַ דערשלאָגענע. די גרופּע איז געווען אַ קליינע, די אימיגראַציע קיין אויסטראַליע — צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד איז געווען כמעט אין גאַנצן געשלאָסן. אויסזיכטן אויף פרישע חברים און פריינד צו שטאַרקן אונדזער געזעלשאַפטלעכן כוח איז נישט געווען צו דערוואַרטן.

אָבער נישט געפאַלן פון מוט. מיר האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן צו די דאָזיקע שטימונגען און געפילן. מיר האָבן גלייך באַנייט אונדזערע צוזאַמענטרעפן, יעדעס מאָל ביי אַ צווייטן חבר, וואו מיר פלעגן באַהאַנדלען קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אין אָט דער צייט איז אונטערגעקומען אַ געשעעניש וואָס האָט נישט בלויז געשטאַרקט אונדזער מוט און ענערגיע, נאָר וואָס איז אויך מיט דער צייט געוואָרן אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון אונדזער ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר.

אַן ערך אין יולי 1932 קומט אָן אַ בריוו פון באַקאַנטן דיכטער מלך ראַוויטש. לײַדער איז דער דאָזיקער ערשטער בריוו פאַרלוירן געגאַנגען און מיר וועלן אים מוזן איטירן פון זכרון. אַזוי ווי ער ווייס נישט ווער מיר זענען, צי מיר האָבן בכלל עפּעס אַן אַנונג אין דעם ייִדישן קולטור־וועלטל, שטעלט ער זיך פאַר אונדז פאָר ווער ער איז, וואָס פאַר אַ פּאָזיציע ער פאַרנעמט אין דער ייִדישער ליטעראַטור; אַז ער איז מיט אַן ערך זעקס יאָר צוריק געווען אין דרום־אַפריקע וואו ער האָט מיט דערפאָלג אַדורכגעפירט אַן אַקציע פאַר די ציש"אָ־שולן אין פּוילן. איצט וויל ער אַלס שרייבער און רייזנדער באַזוכן דעם ווייטסטן קאָנטינענט אין דער וועלט — אויסטראַליע. ער פאַרלאַנגט נישט קיין שום מאַטעריעלע הילף. ער איז אָבער גרייט אין דער זעלבער צייט פירן אַן אַקציע פאַר איינער פון די פּאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: ציש"אָ־שולן, ייוו"אָ, „אָרט“. ער בעט אונדז מיר זאָלן אים ענטפערן און אַרויסזאָגן אונדזער מיינונג.

אַזוי ווי דער בריוו איז אָנגעקומען אויפן אַדרעס פון דעם שרייבער פון די שורות, באַשליסן מיר, ד"ה מיין פרוי און איך, דערווייל קיינעם וועגן בריוו נישט דערציילן. מיר רופן צו זיך אין שטוב אַלע חברים און פריינד ייִדישיסטן אויף אַ חברישן גלעזל טיי, ווי געוויינלעך, ווי קיין מאָל גאָרנישט. נאָכן אַ"ג „סאַפּער“ און קעגנזייטיקע חברישע שמועסן רוף איך זיך אָפּ אַז כ'האָב עפּעס נייעס. עס ווערט שטיל, איך נעם אַרויס דעם בריוו און הויב אָן לייענען. אין צווישן כאַפּ איך אַ בליק אויף מיינע צוהערער, און וואָס ווייטער איך לייען, אַלץ מער הויבן אָן זייערע באַקן צו פלאַמען, אויגן צו פינקלען און מיילער צו שמייכלען. און איידער איך באַוויז נאָך צו פאַרענדיקן און אַרויסזאָגן די אונטערשריפט, שרייען אַלע אויס אין איין קול — מלך ראַוויטש!

וויל איך דאָ אויף איין מאָמענט בלייבן שטיין און מאַכן איניקע באַמערקונגען צו ווייזן ווי ווייניק די גרויסע ייִדישע צענטערס האָבן געהאַט אַן אַנונג, אַז אין אַלע ווינקלען פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט האָבן זיך געפונען קליינע גרופּן עמיגראַנטן, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט און מיטגעלעבט מיט אַלעם וואָס קומט פאָר אין דער אַלטער היים. מיר, די קליינע גרופּע, האָבן געוואוסט וואָס פאַר אַ פּאָזיציע מלך ראַוויטש פאַרנעמט אין דער ייִדישער קולטור־וועלט; זיין ראָל אין דער גרופּע „כאַלאַסטרע“ מיט פּרץ מאַרקיש און אורי צבי גרינבערג אין די צוואַנציקער יאָרן; גרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער“; ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער בונדישער „פאָלקסצייטונג“; דער אַנטדעקער פון יונגע ליטעראַרישע טאַלאַנטן דורך זיינע אַרטיקלען „בריוועלעך פון איינעם צו אַלע“; שוין געהאַט אַרויסגעגעבן איניקע ביכער פּאָעמעס און דראַמעס, ער איז געווען דער סעקרעטאַר און די נשמה פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

דאָ ערשט האָט זיך דער אָוונט אָנגעהויבן. עס אַנטוויקלט זיך אַ וואַרעמע און חברישע דיסקוסיע. אַלע פרייען זיך. אָבער אין פון שמועס האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי מיינונגען — יאָ־זאָגער און ניין־זאָגער. די לעצטע האָבן געטענהט, אַז כאָטש זיי ווילן פון טיפן האַרצן האָבן אַזאַ גאַסט ווי דעם דיכטער מלך ראַוויטש, טאָר מען פאָרט נישט אַ מענטשן פאַרפירן, ווייל פון פאַרשידענע געזעל־

שאַפטלעכע זייטן וועט מען אים באַקאַטירן און שפּעטער וועט ער אפילו נישט האָבן מיט וואָס אַוועקצופאָרן. און אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט טאָר מען אויף זיך נישט נעמען. דאַקעגן די יאָ־זאָגער, נעמענדיק די זעלבע אַרגומענטן, זענען געקומען צו פּונקט פאַרקערטע אויספירן. ווייל די לאַגע איז אַזעלכע, איז שוין די העכסטע צייט אַז מ'זאָל דעם פאַרהאַרטעוועטן באָדן, מיט דער הילף פון אַ פאָרשטייער פון דער יידישער קולטור־וועלט, אַ ביסל דורכאַקערן. צווייטנס: אויך מיר, וואָס זענען שוין אַזוי לאַנג פון דער היים און די עמיגראַציע איז כמעט ווי אָפּגעשלאָסן, נויטיקן זיך אין אַ פרישן מענטש, וואָס וועט אונדז ברענגען אַ גרוס פון דער אַלטער היים. דאָס וועט אונדז געבן פרישע כוחות פאַר ווייטערדיקע אַרבעטן. און איבער אַלעם — דאַרף מען אַ מאָל וואַגן אויך. וועגן דער געפּלאַנטער אַקציע פאַר אַ יידישער אינסטיטוציע, וואָס דער גאַסט האָט בדעה אַדורכצופירן, זאָל עס טאַקע גיין לטובת דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פוילן.

סוף כל סוף ווערט די מיינונג פון די יאָ־זאָגער אָנגענומען.

און ס'האָט זיך אַ ריר געטאָן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג. אין דער יידישער צייטונג האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן עסייען און לידער פונעם דיכטער. אין גאַס האָט מען גאָר נישט דערציילט, אַז מלך ראַוויטש האָט בדעה אַדורכצופירן אַ שול־אַקציע ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אונדזערע אידייאישע קעגנער וועלן אָנהייבן צו פירן אַ קעגן־פּראָפּאַגאַנדע. מיר האָבן נאָר געשריבן אַז ער קומט אַלס יידישער שרייבער באַזוכן דאָס לאַנד. אין אַ בריוו צו אונדז שרייבט מלך ראַוויטש:

„מיר ווייסן אַלע, אַז די שול־אָרגאַניזאַציע האָט קעגנער פון רעכטס און לינקס און מען דאַרף זיך באַגעגענען טאַקע מיט זיי, אָבער אין צייט און נישט פריער. דאָס איז פשוטע סטראַטעגיע... דעריבער דאַרף מיין קומען קיין אויסטראַליע זיין דאָס קומען פון אַ שרייבער וואָס פאָרט אַרום איבער דער וועלט און שרייבט. אַזוי איז עס דאָך סוף־כל־סוף. דאָס עפנט מיר טיר און טויער צו אַלעמען, גיט ברייטערע ראַמען און מעגלעכקייטן אויך פאַר דער קומענדער אַקציע".

מיר האָבן זיך געווענדעט צו דער אָנפירערשאַפט פון „קדימה", וועלכע האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס און וואַרעמקייט צום געפּלאַנטן קומען פון שרייבער קיין אויסטראַליע און צוגעזאָגט אַלע הילף וואָס וועט זיין נויטיק. עס ווערט געשאַפן אַ ספּעציעלער ראַוויטש־קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס וועלכער דאַרף דעם שרייבער אויפנעמען. פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט ווערט ישראל שער. אין גאַס האָט מען זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ווען וועט שוין דער גאַסט זיין אין מעלבורן, ווייל פון דער ערשטער ידיעה ביזן פּאַקטישן קומען האָט געדויערט כמעט אַ יאָר צייט, יוני 1933.

דער קולמינאַציע־פּונקט האָט דערגרייכט, ווען צום קבלת־פּנים, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נייער, שיינער געביידע פון „קדימה" אויף לייגאָן סטריט, זענען געקומען ביי אַ 700 מענטשן. די ווענט פון זאַל האָבן שיער נישט געפּלאַצט פון ענגשאַפט. מען איז געשטאַנען אין אַלע דורכגענג, אין קאָרידאָר, אויף דער בינע נעבן פּרעזידיום. מעלבורן האָט אַזאַ גרויסן יידישן עולם נאָך נישט געהאַט געזען. די שטימונג איז געווען זייער אַ געהויבענע און בפרט מיר, די איניציאַטאָרן, האָבן זיך געפילט גאָר פייערלעך און יום־טובדיק געשטימט ווי אמתע מחותנים.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון אַלע באַגריסונג־רעדעס אויפן קבלת־פּנים איז געווען, וואָס אַלע באַגריסונגען זענען געגאַנגען מער ווייניקער אויפצוווייזן די ראָל פון ראַוויטשן אין דער יידישער ליטעראַטור און די באַדייטונג פון זיין קומען קיין אויסטראַליע, נישט דערמאָנענדיק מיט קיין איין וואָרט וועגן דער געפּלאַנטער אַקציע פאַר די יידישע שולן אין פוילן, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אָבסטרוקציע. האָט דווקא אַ ציוניסטיש־געשטימטער רעדנער, שלמה ווין, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון „קדימה", אויסגעזאָגט דעם סוד און האָט גערופן דעם גרויסן עולם די דאָזיקע מיסיע צו שטיצן. די אָנוועזנדיקע האָבן די ידיעה אויפגענומען גאַנץ רואיק און ערנסט (אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ש. ווין געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויך געווען אַ צייט איר פּרעזידענט).

מען קען נישט זאָגן, אַז מאַטעריעל איז די שול־אַקציע געווען דערפאָלגרייך, ס"ה ביי 500 פונט. פאַרגלייכנדיק עס צו אַנדערע זאַמלונגען, איז עס בלויז געווען אַ ברוך־צאָל. דערפאַר אָבער האָט מען געוואונען אין אַן אַנדער ריכטונג, מיר האָבן צובאַקומען פיל פריינד צו דער שול־אַרבעט און פּעריפעריע פאַר דער אידיי פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן האָט זיך פיל אויסגעברייטערט. נאָך מער, דאָס קומען פון מלך ראַוויטש האָט זיך נישט בלויז באַגרענעצט צו דער זאַמל־אַקציע. ער האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען און געוואונען דרך־ארץ און רעספּעקט פאַר דער געדרוקטן יידישן וואָרט, ווי פאַר דער יידישער קולטור בכלל. נאָך זייענדיק אין וואַרשע שרייבט ער צו אונדז:

„איך וויל אומבאַדינגט מיט מיין קומען אויפרודערן אייער וועלטל און צוגרייטן אויך דאָרט אין דער ווייטער ווייט אַ באָדן פאַר יידיש־קולטורעלער אַרבעט. אפשר וועט אונדז גאָר געראָטן מיט דער הילף פון מיין ווייניקייט אַרויסגעבן אַ יידיש־ליטעראַרישן זאַמלבוך. וועט דאָס זיין מיין גרעסטע אַמביציע און מען וועט אים באַמערקן".

און דאָס איז נישט געווען בלויז אַ גוטער וואונטש זייענדיק פון דער ווייטנס. דער ווייטערדיקער דאָקומענט וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט וועט דאָס באַשטעטיקן:

„מעלבורן, 4 אויגוסט 1933. זייער געערטער פריינד, עס גרייט זיך אין מעלבורן די אויסגאַבע פון אַן אַלמאַנאַך אין יידיש. דאָס וועט זיין די ערשטע יידישע אויסגאַבע אין אויסטראַליע. עס וועט אונדז אפשר געלינגען די מעלבורנער אַלמאַנאַכן צו פאַרוואַנדלען אין אַ שטענדיקער יערלעכער אויסגאַבע. איצט אָבער אַרבעטן מיר ביי דער אויסגאַבע פון ערשטן אַלמאַנאַך און מוזן אים מאַכן וואָס פולער. ער דאַרף זיין אַ שפיגל פון דעם יידישן לעבן אין אויסטראַליע און מוז אויך געבן פיל אַלגעמיינע אינפאָרמאַציעס. מיר האָבן באַשלאָסן איינצולאַדן אייך אָנצושרייבן פאַר אונדז אַן אַרטיקל פון אַן ערך זעקס ביז מאַקסימום צוועלף בוך־זייטן אויף דער טעמע...

„מיר ווילן באַוויזן אַרויסצוגעבן דאָס בוך צום ערשטן יאַנואַר 1934 און מיר בעטן אייך שוין זיך נעמען צו דער אַרבעט.

„מיט חברישער אַכטונג און דאַנק — צייטווייליק פאַר דעם רעדאַקציע־קאָמיטעט — מלך ראַוויטש".

דער געפּלאַנטער אַלמאַנאַך איז נישט דערשינען צום טערמין, נאָר ערשט אין יאָר 1937, ווען ראַוויטש איז שוין צום צווייטן מאָל געווען אין אויסטראַליע. אָבער 75 פּראָצענט מאַטעריאַלן, וואָס זענען אַריין אין אַלמאַנאַך, זענען געווען פאַרטיק אין צייט. נאָר צוליבן אָפּפאָר פון ראַוויטשן — נאָכן אַדורכפירן די שול־אַקציע סוף 1933 — האָט עס געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף דריי יאָר. דאָס איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך געדרוקט אין אויסטראַליע.

דאָס ערשטע יידישע בוך „דער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך" פון כמעט 350 זייטן האָט אַנטהאַלטן אַ שלל פון מאַטעריאַלן סיי וועגן אויסטראַליע בכלל און אַוודאי און אַוודאי וועגן יידיש־אויסטראַלישע פּראָבלעמען, ווי: געשיכטע פון די יידישע ישובים אין אויסטראַליע, עמיגראַציע, יידן אויף ערד־אַרבעט, דערציאונג־פראַגן, קולטור־פראַגן, ביאָגראַפישע פּאָרטרעטן פון געזעלשאַפטלעכע יידישע פּערזענלעכקייטן, בעלעטריסטישע שאַפונגען פון היגע יידישע שרייבערס. ווי זאָגט דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל: עס האָט געהאַט אַ האַנט מיט אַ פּוס...

צום דערשיינען פון ערשטן יידישן בוך אין אויסטראַליע האָבן צוגעשיקט באַגריסונגען: נחמן מייזיל אין נאָמען פון די „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע; ייוו"אָ, ווילנע: אויספיר־ביוראָ פון ייוו"אָ, ז. קאַלמאַנאָוויטש, מ. וויינרייך; אברהם רייזען, ניו־יאָרק; פרץ הירשביין, ניו־יאָרק.

מלך ראַוויטש האָט אויך געגעבן אין יענער צייט דעם אימפּולס פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער ייוו"אָ־אַרבעט אין מעלבורן. ער האָט צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון מענטשן מיט קוואַליפיקאַציעס און נייגונגען פאַר אַזאַ אַרבעט, און שפּעטער, נאָך ראַוויטשעס אַוועקפאָרן, האָט די אָפּטיילונג געפירט אַ גאַנץ פיינע טעטיקייט.

מלך ראַוויטשעס קומען קיין אויסטראַליע האָט אויך געגעבן אַ געוואַלדיקן צושטייער אויף אַן אַנדער געביט, וועמעס רעזולטאַטן האָבן זיך באַוויזן שפּעטער. ער האָט באַזוכט נישט בלויז מעלבורן, נאָר אויך סידנעי און אַדעלייד. פון אַדעלייד האָט ער מיט אַ לאַסט־וואָגן דורכגעשניטן דעם גאַנצן אויסטראַלישן מדבר, פון דרום ביז צפון קיין דאַרווין דורך אַליס ספּרינגס, אַ שטח פון אַ 700 מייל. ער האָט זיך באַקענט מיט דער אויסטראַלישער ווירקלעכקייט און אַוודאי מיט דעם פּראָבלעם פון די אַבאָרידזשינעס. אין אַ סעריע אַרטיקלען האָט ער אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" געשילדערט דאָס לעבן אויפן פינפטן און ווייטסטן קאָנטינענט. זיינע רייזע־באַשרייבונגען וועגן אויסטראַליע האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. די סיבה איז געווען אַ גאַנץ פשוטע: יידן האָבן זיך געריסן פון פוילן, אָבער די וועלט איז געווען פאַרשלאָסן און דאָ האָט ראַוויטש אַנטדעקט אַ ניי לאַנד פאַר עמיגראַציע. אמת, אויך אויסטראַליע איז געווען געשלאָסן, אָבער צייטווייליק. מיטן מאָמענט ווי די אימיגראַציע־טויערן פון אויסטראַליע האָבן זיך געעפנט, האָבן טויזנטער יידן זיך געלאָזן אין דעם נייעם לאַנד. באַזונדערס האָבן זיינע רייזע־באַשרייבונגען וועגן דער צפון טעריטאָריע אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער דער יידישער וועלט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָיעקט צו קאָלאָניזירן דאָרטן די דייטשע יידן, וואָס האָבן געמוזט, צוליב היטלערס קומען צו דער מאַכט און זיינע רדיפות אויף זיי, פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

אויך דער „קימבערליי־פּראָיעקט" פון ד"ר נ. שטיינבערג צו קאָלאָניזירן דאָרטן יידן איז געקומען אונטערן איינפלוס פון מלך ראַוויטשעס רייזע־באַשרייבונגען.

איך וויל אונטערשטרייכן, אַז מלך ראַוויטש האָט אין דער צייט פון זיין פאַרברענגען אין מעלבורן געוואוינט ביי טאָבעלען און יעקב גינטער און גענאָסן אין דער פולסטער מאָס פון דער גאַסט־פריינטלעכקייט און חברישקייט פון די באַלעבאַטים.

שמואל בענעט

# דער אויסטראַלישער ישוב אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ"

מיט אַ צייט צוריק איז דערשינען די לוקסוס־אויסגאַבע פון דער נייער יידיש־ענגלישער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ" אין 16 בענדער. עס איז אַ לוקסוס־אויסגאַבע נישט בלויז אין נאָמען נאָר אויך אין פּרייז.

דאָס איז די ערשטע יידיש־ענגלישע ענציקלאָפּעדיע וועלכע איז דערשינען זינט דרייסיק יאָר. אויך די גרויסע העברעאישע ענציקלאָפּעדיע האַלט מען אין מיטן דרוקן און זי באַשטייט שוין פון 23 בענדער. איצט האַלט מען שוין ביים אות „מ". מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דעם קאַפּיטל אויסטראַליע, בפּרט וועגן מעלבורן, און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן אויסטראַלישן יידישן ישוב. ביידע שטעלעס פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער ענציקלאָפּעדיע, צען גרויסע זייטן איינגעטיילט אין צוויי שפּאַלטן, רייך אילוסטרירט און מיט סטאַטיסטישע טאַבעלעס.

וועגן דער געשיכטע פון אויסטראַלישע יידן ווערט דאָרטן אָנגעגעבן, אַז אין דעם ערשטן פּלאַט מיט פאַרשיקטע אַרעסטאַנטן אין 1788 זענען אויך געווען זעקס יידן, וועלכע זענען שפּעטער געווען צווישן די „סעטלערס" אין דער נייער קאָלאָניע. אַ גאָר וואַזשנער יחוס. ס'ווערט דאָרטן דערמאָנט, אַז דער ערשטער פּאָליצאַנט אין אויסטראַליע איז געווען דער ייד דזשאָן האַריס, אַ געוועזענער „קאָנוויקט".

דער ערשטער מנין און בית־הקברות איז געגרינדעט געוואָרן אין 1817. צוליב דער אַנטדעקונג פון גאָלד אין 1850 האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרעסערע עמיגראַציע פון ענגלישע יידן. אין 1890 זענען טויזנטער רוסישע יידן אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמען און זיך באַזעצט אין בריזבעין אָדער אין דער פּראָווינץ, וואו מיט פּרנסה איז געווען לייכטער.

אַ סך קלענערע יידישע ישובים זענען דאַן געגרינדעט געוואָרן, ווי: אין בראָקען היל, באַלאַראַט, בענדיגאָ, דזשילאָנג, לאָנצעסטאָן, פרימאַנטל א.אַ. זיי זענען אונטערגעגאַנגען ביים סוף פון די ניינציקער יאָרן.

אין מיטן 19־טן יאָרהונדערט האָבן כמעט ווי אַ העלפט פון אויסטראַלישע יידן זיך געפונען אין קלענערע שטעט. די לאַגע האָט זיך פולשטענדיק געענדערט אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט.

שוין אין די פריסטע יאָרן פון דער קאָלאָניע האָבן יידן פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין פּאָליטיק און געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז אַ צו גרויסע ליסטע אויסצורעכענען די אַלע נעמען וועלכע ווערן דערמאָנט אין דער ענציקלאָפּעדיע, ווי למשל: סער באַנדזשאַמין איז געווען לאָרד מאַיאָר פון מעלבורן און גלייכצייטיק פּרעזידע.ט פון דער מעלבורנער סינאַגאָגע. סער סעמועל איז געווען מיניסטער פון דער נ.ס.וו.־רעגירונג און אויך פּרעזידענט פון דער גרויסער סינאַגאָגע אין סידנעי; אָדער אין די לעצטע יאָרן סער אַרטשי מייקעליס איז געווען „ספּיקער" (פאָרזיצער) פונעם וויקטאָריער פּאַרלאַמענט און אויך פּרעזידענט פון דער סט. קילדא סינאַגאָגע.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין פּערט באַזעצט אַ גרויסע צאָל יידישע עמיגראַנטן פון פּאַלעסטינע. זיי זענען אַוועק פונעם גרויסן קריזיס וואָס איז דעמאָלט געווען אין ארץ־ישראל.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען נאַציזם האָט זיך פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד, זענען דייטשע יידן געפאָרן קיין אויסטראַליע, מערסטנס זיך באַזעצט אין סידנעי. אויף דער עוויאַנער קאָנפערענץ איז אויסטראַליע געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט באַשלאָסן אַריינצולאָזן 15,000 יידישע פּליטים. זיבן טויזנט פון זיי זענען אָנגעקומען, אָבער צוליבן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די פולע קוואָטע נישט רעאַליזירט געוואָרן.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין אויסטראַליע האָט זיך שפּעט אָנגעהויבן, פּשוט דערפאַר ווייל ענגלישע יידן זענען געווען קעגן ציוניזם, געשטערט צו שאַפן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מיט דער מאַסן־אימיגראַציע פון פּוילישע יידן האָט זיך די לאַגע פולשטענדיק געענדערט. די העגעמאָניע פון ענגלישע יידן אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך געענדיקט. עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אין „באָרד אָף דעפּיוטיס" זענען נישט בלויז געווען פאָרשטייער פון סינאַגאָגעס, נאָר אויך פון וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אין 1960 זענען אין אויסטראַליע געווען איבער 60 סינאַגאָגעס, 6 יידישע טאָג־שולעס. 60 פּראָצענט פונעם אויסטראַלישן יידנטום זענען געווען מיטגלידער פון סינאַגאָגעס. פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגט „וויצאָ" די גרעסטע צאָל מיטגלידער — פינף טויזנט.

אין דער ענציקלאָפּעדיע ווערט דערמאָנט די ראָלע פון ד"ר עוואַט בשעת דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה אין 1948. זינט דאַן האָט די פעדעראַלע רעגירונג אונטערגעהאַלטן פריינטלעכע באַציאונגען מיט מדינת־ישראל. דאָס יידישע מעלבורן פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם קאַפּיטל וועגן אויסטראַלישן ישוב. פינף

זייטלעך איינגעטיילט אין צוויי שפּאַלטן מיט בילדער פון די געביידעס פון „עדת ישראל", ליובאַוויטשער ישיבה, מעלבורן סינאַגאָגע א.אַ.וו. עס ווערט דאָרטן אָנגעגעבן, אַז די יידישע באַפעלקערונג פון מעלבורן איז 34,000 (1970).

די ערשטע יידישע איינוואוינער אין מעלבורן האָבן זיך באַזעצט אין קאָלינס סטריט, עליזאַבעט סטריט, נעבן זייערע געשעפטן, שפּעטער אין איסט מעלבורן, פּיצראָי, ריטשמאָנד. די „קדימה", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינעם היגן יידישן קולטור־לעבן, פונקט ווי די „דזשודעען ליג"ביים מאָנאַש־הויז אין קאַרלטאָן וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך מאָריס אשכנזי און האָט עקזיסטירט 30 יאָר.

דער „באָרד אָף דעפּיוטיס" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1948 אַלס מכלומרשטע יידישע קהילה. פריער איז עס געווען דער „אַדווייזאָרי באָרד" וואָס איז באַשטאַנען פון ענגלישע יידן, פאָרשטייער פון סינאַגאָגעס. אין דער ענציקלאָפּעדיע ווערט דערמאָנט וועגן אַ געשעעניש אין מעלבורן.

עס איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן אַרום ענין פון עקספּאָרט פון פאַרפרוירן כשר פלייש קיין פּאַלעסטינע. דער סיכסוך האָט געדויערט אַ צייט. פון איין זייט האָט דער שחיטה־באָרד בראש מיט ראַביי דענגלאָו ע"ה, צוזאַמען מיטן שוחט י. ל. סופער ע"ה צוגעגרייט דאָס כשרע פלייש פאַר עקספּאָרט.

פון דער צווייטער זייט איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם הרב י. ל. גורעוויטש ע"ה פון דער קאַרלטאָן־שול, וועלכער האָט געהאַט זיין אייגענעם בית־דין. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ תלמיד פונעם באַרימטן גאון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי ז"ל.

אויך דער קאַמף פון אַנטי־ציוניסטישע קרייזן ביי די ענגלישע יידן האָט געדויערט אַ היפּשע צייט. זיי האָבן נישט צוגעלאָזט אַז מען זאָל דאָ שאַפן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן אַז מען זאָל קעמפן קעגן דער בריטישער אימפּעריע. אין 1902 האָט מען פּרובירט שאַפן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין מעלבורן. אין 1913 האָט שלמה ווערטהיים ע"ה צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינד געגרינדעט די „התחיה", אַ ציוניסטישע גרופּע.

אין 1927 איז געמאַכט געוואָרן אַ דרייסטער פּרווו צו גרינדן אַ ציוניסטישע באַוועגונג. גענעראַל סער דזשאָן מאָנאַש איז געווען ערן־פּרעזידענט און ראַביי י. בראָדי — פּרעזידענט (ער איז שפּעטער געוואָרן הויפּט־רב פון דער בריטישער אימפּעריע). סער אייזיק אייזיקס איז געשטאַנען בראש פון אַ גרופּע וועלכע האָט באַקעמפט דעם ציוניזם און אַפילו אַרויסגעגעבן אַ וואָכן־צייטונג אין סידנעי וועלכע האָט באַקעמפט דעם ציוניזם און דער אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מדינה.

אין 1948 איז געגרינדעט געוואָרן „מאַונט סקאָופּס" קאָלעדזש, אַלס טאָג־שולע, דורך אַ גרופּע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער בראש מיט בן־ציון פּאַטקין. טראָץ דעם וואָס ענגלישע יידן זענען געווען קעגן דעם, איז דער פּלאַן רעאַליזירט געוואָרן.

די צווייטע יידישע טאָג־שולע, די ליובאַוויטשער ישיבה, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1955. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן דורך ר' משה פייגלין ז"ל און ר' זלמן סערעבריאַנסקי. צו ערשט אין שעפּערטאָן און שפּעטער אין מעלבורן. בית־רבקה קאָלעדזש איז געגרינדעט געוואָרן אין 1970.

עס ווערט אָנגעגעבן אין דער ענציקלאָפּעדיע, אַז 40 פּראָצענט יידישע קינדער אין מעלבורן באַזוכן יידישע טאָג־שולעס. אויף זייט 1285 איז פאַראַן אַן אָפּשאַצונג וועגן יידן אין דער וויקטאָריער פּראָווינץ. אין דזשילאָנג איז אַ מאָל געווען אַ שיינע יידישע קהילה. די דאָרטיקע יידן האָבן זיך אַסימילירט, אָבער האַלטן זיך ווייטער ביי זייערע יידישע נעמען.

עס איז אויך פאַראַן אַן אָפּשאַצונג וועגן פּרואוו פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין וויקטאָריע. אין שעפּערטאָן איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קאָלאָניע אין 1913 וואו יידישע פאַרמערס האָבן געפירט אַ שיין לעבן. עס איז דאָרטן געווען אַ שול, אַ מקווה, אַ שוחט, אַ זאַל פאַר רעפעראַטן א.אַ.וו. אין 1950 איז דאָרטן געגרינדעט געוואָרן אַן הכשרה פאַר צוקונפטיקע עולים קיין ישראל.

דער לייענער פון דער ענציקלאָפּעדיע האָט פאַר זיך אַ שלל פון אינפאָרמאַציע וועגן אויסטראַליע בכלל און מעלבורן בפרט. אויף די פינף זייטן ווערן אויסגערעכט צווישן אַנדערע, מעלבורנער יידישע אָרגאַניזאַציעס, שולעס, פּערזענלעכקייטן, סטאַטיסטיק וואָס ווייזט אָן, אַז דער היגער ישוב באַשטייט פון מיטל־קלאַס — 52 פּראָצענט (אייגנטימער פון געשעפטן און פאַבריקן); 24 פּראָצענט זענען אַליין־באַשעפטיקטע און נאָר 18 פּראָצענט זענען אַרבעטער. 10 פּראָצענט פון אַלע סטודענטן אויף היגע אוניווערסיטעטן זענען יידן, וועלכע שטודירן מעדיצין, יוריספּרודענץ און הומאַניסטיק.

וועגן מעלבורן זענען אַדורכגעלאָזן געוואָרן פאַרשיידענע פאַקטן וועלכע האָבן נישט געטאָרט איגנאָרירט ווערן, ווי למשל וועגן יידיש קאַרלטאָן, וועגן הרב י. ל. גורעוויטש ז"ל, פון דער קאַרלטאָן שול. ס'איז נישט דערמאָנט וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בערוויק, וויקטאָריע, אָדער וועגן ד"ר י. נ. שטיינבערגס טעריטאָריאַלער באַוועגונג' ווען ער איז געווען אין אויסטראַליע (אין די אָנהויב פערציקער יאָרן); וועגן דער יידישער פּרעסע בשעת דער גרויסער אימיגראַציע, וועגן יידישע שרייבער און זייערע ווערק און פיל אַנדערע ענינים.

מ. אייזענבוד

# אין באַנעגילאַ

דערציילונג

אויסטראַלישע איינגעבוירענע, די אַבאָרידזשינעס, האָבן באַצייכענונגען פאַר זאַכן וואָס זענען גיכער סימבולן, איידער קאָנקרעטע באַגריפן. באָנעגילאַ אין זייער לשון — „אַ לאַגער פאַר פּי״.

און טאַקע —

אין די פערציקער יאָרן זענען דאָ אויסגעוואַקסן באַראַקן פון בלעך, גאַסן, הילצערנע הייזקעס — אַ ישוב, וואו עס האָט זיך איינקוואַרטירט די אַמעריקאַנער אַרמיי. דאָס דאָזיקע אָרט איז נאָכהער, ווי אַ ירושה, אַריבער צו די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן נאָכן קריג גענומען אַריבערקומען קיין אויסטראַליע. פון דאַנען זענען זיי זיך צעפאָרן לויט די אָנווייזונגען פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אַרבעט־פאַרטיילונג.

באָנעגילאַ איז נאָך אַלץ געווען אַ שטיק אייראָפּע אויפן אויסטראַלישן קאָנטינענט, אַן אינדזל וואו מען הערט יעדע שפּראַך אויסער ענגליש.

* * *

געווען זענען מיר אימיגראַנטן פון פאַרשידענע לענדער, וועלכע דער גורל האָט צונויפגעפירט אין טראַנזיט־לאַגער באָנעגילאַ אין זעלבן באַראַק. די בעטן האָבן געדינט אי צום זיצן אויף זיי, אי צום שלאָפן, ווייל קיין אַנדער מעבל איז אין באַראַק נישט געווען. די בעטן זענען געשטאַנען לענגאויס די ווענט אין גלייכע רייען.

מיין שכן, אַ יידישער בחור פון פּוילן, און דערנעבן — אַ רוס פון לענינגראַד, האָבן וואַרשיינלעך געפונען עפּעס אַ בשותפותדיקע פאַראינטערעסירונג, וואָרום זיי זענען געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס.

אין באַראַק איז אַריינגעדרונגען די טיף־סעפּטעמבערדיקע נאַכט. ס׳איז געווען קיל, שלאָפן האָט זיך נישט געגלוסט, האָב איך צוגעלייגט אַן אויער צו זייער שמועס. ווייזט אויס זיי האָבן שוין געהאַלטן היפּשלעך ווייט אין טיילן זיך מיט זייערע דערפאַרונגען:

— אויפן צווייטן יאָר אין לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען צווישן קראַסנאָקאַמסק און פּערעם — הער איך קאַצן דערציילן — האָט מיר דאָס מזל צוגעשפּילט און מען האָט מיך אַריינגענומען אַרבעטן אין באָד אַריין ווי אַ הייצער. דאָ איז געווען וואַרעם, מ׳האָט נישט געדאַרפט מאַכן קיין נאָרמעס; אַן איבעריקער לעפל קאַשע האָט זיך אויך תמיד געפונען, ווייל די באָד איז אַ וויכטיקע אינסטיטוציע אין לאַגער. דאָ האָט מען געזען אַ מענטשן, געקאָנט הערן עפּעס פון דרויסן, פון די נייע וואָס קומען אָן מיטן עטאַפּ. מ׳שאַפט פאַרבינדונגען, קאָנטשאַפט, ס׳קומט צונויף דאָך. דאָס אָרט האָט מען גערופן אַזוי, ווו עס האָט זיך געפונען — „זאַ באַניו״. מ׳האָט געוואוסט, דאָ קלייבט מען צונויף די אַרעסטאַנטן וועלכע דער טויט האָט אַמנעסטירט. אַז מ׳האָט וועגן איינעם געזאָגט: ער איז געגאַנגען „זאַ באַניו״, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט שוין דער פּראָקוראָר אויף אים קיין שליטה נישט.

נישט ווייט פון באָד איז געווען אַ זעמלאַנקע, אַן ערד־שטיבל פון וועלכן מ׳האָט קוים געקאָנט באַמערקן אַ

פּאַסירט אַ מאָל, מ׳האָט געאַרבעט שפּעט. געבאָדן אַ גאַנץ גרויסן עטאַפּ. די וואַסער־קעסלען זענען געווען אויסגעליידיקט און אין אַ וואַסערע צוויי שעה אַרום הויבט מען אָן דערלאַנגען פּאַרע פון דרויסן, אויסערן לאַגער, אָנצוואַרעמען דאָס וואַסער. אַז די פּאַרע טוט אַ זעץ אין ליידיקן קעסל, מעגסטו פריייוויליק זיך אַריבערטראָגן „זאַ באַניו״. מיד, פון דעסטוועגן אויפגעדרייט די קראַנען, און גענומען אָנגיסן די קעסלען מיט קאַלט וואַסער און — דערווייל איינגעשלאָפן.

זיך אויפגעכאַפּט, בין איך שוין געלעגן אין קאַלט וואַסער. צוגעדרייט די קראַנען, געכאַפּט אַ שעפּעלע פון באָד און פליוך — איינס נאָך איינס גענומען גיסן דאָס וואַסער פון בוידעם אין דרויסן אַרויס. אין דרויסן — פינצטער ווי אין אַ קבר, גוט, טראַכט איך, אַנישט קאָן מען האָבן צרות פון אַזאַ אָפּעראַציע, כאַפּסט אַריין אַ פּאָר טעג קאַרצער ווי גאָר נישט. מיט אַ מאָל — אַן אָפּגעהאַקטער געשריי, פון שרעק אָדער איבערראַשונג. נו, טראַכט איך, עמיצער האָט אַריינגעכאַפּט אַ קאַלטע שיסל וואַסער... עמיצער האָט זיך אוודאי געוואַלגערט אין גראָז מיט עמיצן.. אַזאַ חברהמאַן וועט האַלטן די צונג צווישן די ציין...

אָבער אַ קוק געבן שאַדט נישט. אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, מען זעט גאָרנישט. עך, טייוולאָנים, טראַכט איך, באַצייטנס זיך אָפּגעטראָגן. ערשט ביים ערד־שטיבל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פויערישן וואָגן באַלויכטן מיט אַ נאַפט־לאַמטערן. פון וואַנען נעמט ער זיך דאָ? דער לאַמטערן האָט געקאָפּטשעט אין דער זעמלאַנקע. זע איך, די טויטע זענען איינגעפּאַקט אין שטרוי, פּונקט ווי ביי אונדז טוט דער טעפּער איינפּאַקן אין שטרוי די פּאַרטיקע טעפּ ווען ער פירט זיי אין מאַרק אַריין. די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן אָנגעלאָדן דעם וואָגן, זענען זיך, ווייזט אויס, צעלאָפן. ס׳האָט זיך זיי אַפּנים געדוכט — אַ מת האָט זיי דאָס שטיקל אָפּגעטאָן. נו, טאַקע, אין דרויסן האָט דאָך נישט גערעגנט, ווער דען אַנדערש האָט זיך דאָ געקאָנט באַווייזן אין מיטן נאַכט, ווען די באַראַקן זענען אָפּגעשלאָסן?

דאַן איז מיר איינגעפאַלן — האָט קאַץ אַ זאָג געטאָן — אָנשטאָט צו באַגראָבן די מתים, פירט מען זיי געוויס פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען אין אוניווערסיטעט אַריין...

— ס׳איז נישט אין גאַנצן אַזוי ווי די לאָגיק זאָגט דיר אונטער — האָט זיך אַפאַנאַסיעוו אָפּגערופן. דו האָסט

טאַקע זיך אָנגעזעגן אַ וועלט ביי אונדז, אָבער איך האָב אַ לעבן דאָרט אָפּגעלעבט. טאָ לאָמיר דיר פֿאַרציילן אַ מעשה: די מתים שיקט מען אַוועק אין אַ ספּעציעלער פֿאַבריק, דאָרט איז אויך אַ לאַגער. ביי אונדז זענען אַלע וויכטיקע פֿאַבריקן פֿאַרבונדן מיט אַ לאַגער. נאָר דאָרטן איז שוין אַ לאַגער פֿון גאָר אַן אַנדערן מין. אין דער פֿאַבריק ווערן די קערפּערס אויסגעקאָכט — עס בלייבן בלויז די ביינער. די ביינער ווערן ערשט פֿאַרפּאַקט אין קאַסטנס, און זיי ווערן אַוועקגעשיקט אין אַן אָרט, וואָס הייסט: מעדיצינישער פֿאָרש־אינסטיטוט. נאָר דאָס איז ברודערקע, אויך אַ לאַגער און ביי די לאַגעריסטן הייסט ער: קאָסטיאָסטראָ־טעלני זאַוואָד (פֿאַבריק פֿון ביינער געבוי). דאָרטן זענען באַשעפֿטיקט מעדיצין סטודענטן פֿון העכערע קורסן. אַ מאָל פֿרייע, אַ מאָל פֿאַרשיקטע — ווי עס מאַכט זיך. קיין דיפּלאָם פֿרעגט מען דיר גישט — פֿאַרקערט: נאָך אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר, קריגסטו דיין דיפּלאָם און פּטור. אין דער פֿאַבריק ווערן די ביינער צו ערשט פּאָלירט, אויסגעסאָרטירט און צונויפֿגעבונדן מיט שטאָלענעם דראָט, וואָס גיט זיי די שטייפֿקייט. דאַן ערשט ווערט דער מענטשלעכער סקעלעט צוגעפּעסטיקט צו אַ ברעטל מיט שרויפֿן. פֿאַרן קריג האָט די מלוכה עקספּאָרטירט די סקעלעטן קיין אויסלאַנד. מיר האָבן זיך גענויטיקט אין וואַלוטע... מיינער אַ גוטער ברודער האָט געאַרבעט אין דער אונטערנעמונג. ער איז געווען אַ שלייפֿער פֿון די ביינער און ער האָט עס מיר אַליין פֿאַרציילט. געהאַט האָט ער אַ ברודער וועלכער איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין ערשטן וועלט־קריג, די קויל איז געבליבן זיצן אין ביין פֿון רעכטן פֿוס און זי האָט אים, ווייזט אויס, נישט געאַרט. ווי אַ סך אַנדערע, האָט מען אויך דעם ברודער זיינעם צוגעטשעפּעט אַ „סטאַטיאַ" און פֿאַרשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער. ער האָט אַ מאָל יאָ געשריבן, קיין סך האָט מען פֿון אים נישט דערוואַרט. אָבער וואו ער געפֿינט זיך האָט ער פֿון דעסטוועגן יאָ געוואוסט. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז פֿון יענער געגנט וואו זיין ברודער איז פֿאַרשיקט איז געקומען אַ טראַנספּאָרט מיט ביינער. ביים שלייפֿן די איינצלנע טיילן האָט ער אין אַ ביין וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ רעכטן פֿוס געפֿונען אַ שטיקל מעטאַל ווי אַ שפּליטער פֿון אַ שראַפּנעל... עפּעס האָט אין אים אַ רודער געטאָן ווען ער האָט שפּעטער דערזען דעם פֿאַרטיקן סקעלעט... איך זאָל אַזוי די פֿרייהייט נישט דערלעבן — האָט ער זיך פֿאַר מיר געשוואוירן — איך בין זיכער אַז דאָס איז געווען ער, סעריאָזשע...

ער האָט אָבער געמוזט שווייגן, פֿאַרענטפֿערט אַפּאַנאַסיעוו זיין גוטן ברודער, אַנישט וואָלט ער שוין פֿון דאָרטן נישט אַרויס...

* * *

עס האָט שוין געמוזט זיין אַרום האַלבע נאַכט. מיט אַ מאָל האָט אַ רעגן זיך צעפּויקט מיט שווערע טראָפּנס אין בלעכענעם דאַך פֿון באַראַק: פּוק... פּוק...

אויסגעצויגן אויפֿן פֿעלד־בעטל, האָב איך געקוקט אין דער פֿינצטערניש און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן.

עס פּאַסירט, אַז מען גייט פֿאַרביי אַ זאַך צענדליקער מאָל און מען לייגט איבערהויפּט קיין אַכט נישט דערויף. עס ציט נישט צו דיין אויפֿמערקזאַמקייט. אָט גייסטו, למשל, פֿאַרביי אַ הויז, קענסט גענוי זאָגן וויפֿיל מאָל אַ שטייגער ביסטו פֿאַרביי דאָס דאָזיקע הויז מיט די איי־זערנע שטאַכעטן? דאָס הויז מיטן באַלקאָן, אויף וועלכן עס הענגט אַ מאָל אַן אַלטער טעפּיך, אַ מאָל אַ רויטע אויסגעשטעפּטע קאָלדרע. אַ הויז פֿון וועלכן דער רעגן האָט אַראָפּגעשווענקט די פֿאַרב, וואָס האָט אפֿשר דאָס הויז אַ מאָל אויסגעטיילט פֿון אַנדערע הייזער אין דער גאַס. אַ געוויינלעך גרוי הויז, אין אַ גאַס מיט גרויע הייזער. אפֿילו די גרינע טיר מיטן מעשענעם קלאַפּער איז דאָס זעלבע ווי ביי די אַנדערע הייזער. נאָר אָט איז געשען אַ מאָרד אין דעם הויז. אַ מעסער־שטעכעריי נאָך אַ שיכורער קאָרטן־שפּיל. דערזעסטו אין צייטונג דאָס בילד פֿון הויז, די קאָלדרע וועלכע הענגט אַראָפּ געוויינלעך פֿון באַלקאָן. און מיט אַ מאָל, אויפֿן וועג צו דער אַרבעט שטעלסטו זיך אַוועק באַטראַכטן די ווענט, די טירן וואָס גייען אַרויס אויפֿן באַלקאָן. עפּעס האָט אַלץ אַ שייכות צו דעם פֿאָרפֿאַל אין הויז. דערמאָנסטו זיך אַז די עלטערע פֿרוי מיטן הינטל וואוינען דאָ. די פֿרוי האָט אַ בראָדאַווקע ביי דער נאָז, אַקוראַט ווי דו זעסט איר איצט אויפֿן בילד אין דער צייטונג. אפֿילו דאָס הינטל, פֿון אַן אומבאַשטימטער ראַסע, וואָס האָט געבילט אויף דיר דורך די שטאַכעטן, איז עפּעס אַ ניי באַשעפֿעניש וואָס דו זעסט עס צום ערשטן מאָל.

פֿון דער עלטערער פֿרוי ווערט מען טאַקע געוואָר, וואָס דאָ, צווישן אירע קוואַרטיראַנטן, האָט זיך אָפּגע־שפּילט. עס איז שוין נישט סתם אַ הויז, נאָר אַ הויז וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מענטשלעכע טראַגעדיע...

דאָס אייגענע האָט פּאַסירט אין יענער פֿרילינג־צערעגנטער נאַכט, אין אַ בלעכענעם באַראַק, אין עמי־גראַנטן־לאַגער באָנעגילאַ. דער לאַגער איז ווייט פֿון אַ מענטשלעכן ישוב, און שטייט אַליין צווישן פֿעלדער און גרינע קוסטעס. דעריבער איז דער אומרו געווען נאָך שווערער און דער אומעט האָט זיך איינגעגראָבן טיפֿער אין געמיט און נישט געלאָזן איינשלאָפֿן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קעגנשטאַנד וועלכן כ'האָב קיין מאָל נישט געשענקט קיין צו פֿיל אויפֿמערק־זאַמקייט, פּונקט ווי מען שענקט נישט דאָס הויז וועלכעס מען גייט יעדן טאָג פֿאַרביי.

דער קעגנשטאַנד, די טעמע פֿון שמועס, האָט זיך אַצינד איינגעגראָבן אין מיר און נישט געגעבן קיין רו — מענטשלעכע סקעלעטן. די זעלבע סקעלעטן וועלכע

ווערן באַנוצט אין שולן כדי צו לערנען אַנאַטאָמיע. די דערקלערונגען פון לערער וואָס האָט מיטן שטעקעלע געפירט איבער די איינצלנע ביינער, אָנרופנדיק זייערע נעמען און בעת מעשה דערקלערט זייערע פונקציעס, האָט אַרויסגערופן אַ וויסנשאַפטלעכן אינטערעס צום סקעלעט, און דאָס נאָר אויף אַזוי פיל וויפיל עס איז נויטיק געווען פאַרן לימוד. אַזוי האָבן מיר שילער געקוק אויף אים, כאָטש אין ערשטן אויגנבליק איז אונדז אַ ביסל אומהיימלעך געווען מיט אָט דעם ביינערנעם סקעלעט וועלכער האָט געקוקט אויף אונדז מיט הוילע אויגן־לעכער און דערמאָנט וועגן — טויט.

פאַרצייכענענדיק די דערקלערונגען פון לערער, איז מיר נישט איינגעפאַלן צו פאַרטראַכטן זיך, אַז פון אָט די פינצטערע אויגן־לעכער האָבן אַ מאָל אַרויסגעקוקט פריינטלעכע, מענטשלעכע אויגן; אַז די נאַקעטע ציינער האָבן אַ מאָל געשמייכלט דורך לייכט צעעפנטע ליפּן; אַז די ביינערדיקע פינגער האָבן מיט צערטלעכקייט געקאָנט גלעטן אַ קינדעריש קעפּל... עס האָט זיך געדוכט אַז אָט דער סקעלעט איז באַלד אַזוי געבוירן געוואָרן פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען...

אין דער נאַכטיקער פינצטערניש, מיט זיך אַליין אויפן בעטל, אָפּגערוקט אין צייט און שטח פון יענע שוליאָרן, האָט דער באַוואוסטזיין מיט אַ מאָל גענומען פּיבערדיק רעגיסטרירן געדאַנקען פון זיך אַליין, אָן מיין אַריינמישן זיך. די געדאַנקען זענען געקומען צוליב גאָר אַן אַנדער סיבה איבער וועלכער איך האָב קיין קאָנטראָל נישט געהאַט, אָט ווי די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַרבייגייענדיק הויז האָט אַרויסגערופן גאָר אַן אַנדער סיבה.

— — — אָט שטיי איך צוגענאָגלט צו אַ ברוין־פּאַלירטן ברעט, אונטער אַ גלעזערנעם קליאַש. די ביינער צונויפגעפעסטיקט מיט אַ מעטאַלענעם דראָט, גיט צו די שטייפקייט דעם סקעלעט. די ביינער זענען ווייס אויסגעשליפן, מען זאָל גענוי אָנזען זייער פאָרם. פון קאָפּ קוקן אַרויס צוויי פינצטערע לעכער. יעדער ביין באַזונדער דערמאָנט מיך אין עפּעס וואָס עס האָט געטאָן צום נוצן פון מיין זיין אויף דער וועלט. מענטשן קוקן גלייכגילטיק אויפן סקעלעט און קיינער ווייס נישט אַז דאָס בין איך — — —

מען קאָן נישט זאָגן אַז דאָס זענען געווען אָנגענעמע געדאַנקען צום איינשלאָפן. איבערגעצויגן מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, האָב איך אויף אַ רגע פאַריאָגט די מחשבות. איך האָב זיך דערציילט פריילעכע פּאַסירונגען פון מיין יוגנט, אָבער ערגעץ־וואו אין מיר האָבן תמיד אויפסניי אויפגעטויכט מיט אַ שניידיקער קלאָרקייט יענע סיבירער נעכט אין אי. טע. קאַ....

---

מאיר זייבל

# צוויי לידער

## אַ פריינטלעכע האַנט

פאַר וועלוול דיזויס

פון צווישן פרעמדע, טויזנטער פאַרבייגייער,
האָט אַ ווײַ געטאָן אויף מיר אַ פרייד —
ס'האָט אַ האַנט אַ וואַרעמע זיך אויסגעשטרעקט.
אַן אַלטער פריינד, ער פרעגט מיך: „ווי עס גייט"?

פון אַזוי פיל פנימער גלייכגילטיקע,
אויפגעשיינט אַ פנים ליכטיק און באַקאַנט.
און אָט — אַ האַנט אַ וואַרעמע,
אַ פויגל גלייך — עס צאַפּלט אין דיין האַנט.

שטאָט האָט מער נישט פרעמד אַזוי מיר אויסגעזען,
אויך דער הימל — מער נישט אַזוי גרוי.
ס'האָט מיין פריינד געבראַכט די שיין פון יוגנט־טעג,
און אַ הימל מילד און בלוי.

געפילט זיך דאָ אין לאַנד ווי אַ פאַרלוירענער,
אַ מענטש אָן פריינד, אָן שפּראַך, אָן מוט.
און מיט אַ מאָל — אַ האַנט אַ פריינדלעכע,
און היימלעך ווערט אין איין מינוט.

מעלבורן 1976.

## דאָס ראַדיאָ־קעסטעלע

דאָס קעסטעלע — דער ראַדיאָ, שפּילט מוזיק,
און מיר איז אַזוי אומעטיק...
ווייט פאַרטראָגן איז מיין בליק
אין טרוים, נאָך יושר... גליק...

קאַלטע שטילקייט אויף די ווענט,
קאַלטע פינגער פון די הענט,
קאַלט אין ראַדיאָ איז דער קול,
ס'האָרכט מיין אויער צום אַ מאָל...

צו דעם אַ מאָל... ווי ווייט צוריק?
ווען ס'אייגן האַרץ ס'געווען מוזיק,
יונג דער טראָט צום ברייטן פעלד,

אַ צויבער־וועלט זיך פאָרגעשטעלט...
אין יעדן ביין, אין יעדן גליד,
צעגאַנגען איז דיין אייגן ליד...
און איצט? ס'איז עפּעס — נישט,

געווען אַ בוים און אָפּגעבליט...
דאָס ראַדיאָ־קעסטעלע אַלץ נאָך שפּילט,
און איך אַליין —
אין אומעט איינגעהילט...

א. ברייזבלאַט (תל־אביב)

# עפּיזאָדן פון יידישן טעאַטער אין מעלבורן

(אַ בינטל זכרונות)

מיינע ערשטע טריט אויפן וועג פון יידיש טעאַטער אין וואַרשע זענען געגאַנגען דורך די לינקע פּועלי־ציון, וואו איך פלעג, ווי דער „פּראָלעטאַרישער רעציטאַטאָר און פאָלקס־זינגער", אויפטרעטן פאַר צענדליקער אָרגאַניזאַציעס צעשפּרייט איבער פּוילן. אָבער איך האָב אין יענע יאָרן נישט אויסגעמיטן אויך אויפצוטרעטן ביי צן אַ טיער אַנדערע פּאַרטייאישע און נישט־פּאַרטייאישע געזעלשאַפטן.

בלעטערנדיק מיין אַרכיוו, זע איך אַן אויפטריט דעם 2־טן מערץ 1936 אין „מאָרגנשטערן", וואַרשע; אַן אויפטריט ביי דער זש.ט.ק. (געזעלשאַפט פאַר לאַנד־קענטעניש) אין לאָדזש; און אָט איז די גרויסע פייערלעכע אַקאַדעמיע צום 100־טן געבורטס־טאָג פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 2־טן פעברואַר 1936 אין לאָדזש צוזאַמען מיט אַלטער קאַציזנע, משה בראָדערזאָן, מיטן אָנטייל פון א. ברייזבלאַט; און אָט איז אַן אָוונט אין דרוקער־פאַראיין אויף דזשעלנע 33 אין וואַרשע, וואו עס טרעטן אויף יעקב פאַט א.אַ., צווישן זיי „דער רעציטאַטאָר און פאָלקס־זינגער" א. ברייזבלאַט.

און אָט איז אַן אויפטריט אין דער קולטור־ליגע אין ביאַלע־פּאָדלאַסק; „זשאָס" אין מעזריטש. איז פון דאַנען געדרונגען, אַז מיינע אויפטריטן האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו אָרגאַניזאַציעס פון פּועלי־ציון.

ס'איז מיר דורך דער צייט אויסגעקומען פיל מאָל איינצורעזשיסירן רעוויעס און פאָרשטעלונגען מיט דראַמאַטישע קרייזן, אָבער איך האָב נישט געזאַמלט אין מיין אַרכיוו די דאָזיקע דאָקומענטן. איך האָב אויך נישט אָפּגעהיטן פיל דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו פאַרשידענע ווענדונגען איך זאָל אָנטייל נעמען אין פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס. מיך האָט תמיד געצויגן צו „דאַווענען ביחידות", איינער אַליין זיין אין קאָנטאַקט מיטן פּובליקום... און דערפאַר איז אַזוי געווען מיין דראַנג פאַר סאָלאָ־אויפטריטן, ביז, ביז איך בין אָנגעקומען קיין מעלבורן.

אָנגעקומען קיין מעלבורן בין איך אָנהויב 1937 און מיין ערשטן קבלת־פּנים געקראָגן אין דער וואַרעמער און פריינטלעכער שטוב פון טויבעלע גינטער און איר מאַן יאַנקל ע"ה. אויף דער מסיבה, וואָס האָט לכבוד מיר איינגעאָרדנט דער „פאַראיין יידישע בינע", ביי וועמענס אָנפירערשאַפט עס איז געשטאַנען יאַנקל גינטער ע"ה, זענען אָנוועזענד געווען די שרייבער מלך ראַוויטש און פּנחס גאָלדהאַר, און די געזעלשאַפטלעכע טוער: מאיר סילמאַן, סענדער בורשטין און אַנדערע. גערעדט האָט מען אויף דער מסיבה וועגן פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון יידיש טעאַטער אין מעלבורן. ווען איך האָב נאָך דער מסיבה אויסגעדריקט מיין פאַרלאַנג, אַז קודם כל וויל איך מאַכן מיינס אַ סאָלאָ־אויפטריט, וואָס זאָל זיין דער אָנהויב פון מיין פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער טעטיקייט, האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך; קודם כל וועט דאָס פּובליקום נישט קומען צו אַן אָוונט פון איין מענטש; און צווייטנס, וועט מען נישט קומען, ווייל איך וויל אויפטרעטן פּראָפעסיאָנעל, און „ביי אונדז" — האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין — ווערט יעדע פאָרשטעלונג געשפּילט פאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק...

עס איז מיר דאָך געלונגען איבערצוצייגן אַ פּאָר מיטגלידער פון „קדימה"־קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן מיין ערשטן קאָנצערט.

דעם 17־טן יוני 1937 איז אין קדימה־זאַל אויף לייגאָן סטריט, פאָרגעקומען מיין ערשטער אויפטריט. דער דערפאָלג איז געווען אַן אומדערוואַרטעטער, דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט און וועגן דעם קאָנצערט האָט געשריבן דער דיכטער מלך ראַוויטש. דער זעלבער קאָנצערט מיט אַ קליינער פּראָגראַם־ענדערונג איז נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט געוואָרן, און ווידער איז דער זאַל געווען פול. דאָס האָט באַוואויגן דעם „קדימה"־קאָמיטעט מיך צו אַנגאַזשירן אָנצופירן מיט דעם „קדימה דראַמאַטיק סערקל", וואָס איך האָב געענדערט אויף „קדימה יידישער טעאַטער ווינקל". איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיר איז זייער נישט אָנגענעם געווען נישט מיטצואַרבעטן מיטן פאַראיין „יידישע בינע", מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט יאַנקל גינטער ע"ה און זיי האָבן געהאַט געמאַכט פאַר מיר דעם ערשטן קבלת־פּנים. איך האָב אָבער, ווי אַ נייער עמיגראַנט, געמוזט זיך רעכענען מיטן פּראָפעסיאָנעלן פאָרשלאַג וואָס דער קדימה־קאָמיטעט האָט מיר געמאַכט. אונטערהאַנדלט מיט מיר האָבן אין נאָמען פון קאָמיטעט: לעאָ פינק, עלעק מאַשין און האַוזי.

איך האָב אָנגעהויבן צוגרייטן אַ רעוויו־פאָרשטעלונג מיטן „קדימה יידיש טעאַטער ווינקל" און באַקומען חברישע אונטערשטיצונג פון דעם אַקטיאָר יעקב ראָטמאַן, פון דעם מאָלער מרדכי שעכטער און די טאַלאַנטפולע אַמאַטאָרן: ראובן הירש, ישראל קראַוואַט א.אַנד.

אין דער זעלבער צייט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן קיין פּערט און סידנעי. קיין פּערט בין איך נישט געפאָרן, אָבער די סידנעי איינלאַדונג האָב איך מיט גרויס פרייד אָנגענומען. דאָ מוז איך דערמאָנען אַ פיינלעכן אינצידענט

וואָס האָט פּאַסירט אַרום מײַן ערשטן אויפטריט אין סידנעי. אַ גרופּע פאַנאַטישע אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן, ווייזט אויס, נישט געקאָנט פאַרטראָגן מײַן לינק־פּועלי־ציוניסטישן בליק אויף ארץ־ישראל, און האָבן אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום „ברייזבלאַט קאָמיטעט" אין סידנעי, אַז איך בין אַן אַנטי־ציוניסט און מען דאַרף באָיקאָטירן מײַן אויפטריט אין סידנעי. ווען איך בין אָנגעקומען קיין סידנעי אַ פּאָר טעג פאַרן קאָנצערט, האָב איך געטראָפן אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע... איך האָב זיך גלייך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט דער „קדימה" און פון מעלבורן איז געשיקט געוואָרן טעלעגראַמעס פון די דעמאָלט אָנפירנדיקע קאָמיטעט־מיטגלידער פון „קדימה", אַז איך בין גאָט די נשמה שולדיק. מלך ראַוויטש האָט אין זײַן קאָלום אין „די יידישע נייעס" שטאַרק רעאַגירט אויף דער דאָזיקער אומפאַראַנטוואָרטלעכער האַנדלונג פון די בריוו־שרייבער.

אין דעם ווינטער פון 1937 האָט דער באַליבטער און אָנערקענטער שוישפּילער פון דער „ווילנער טרופּע" יעקב ווייסליץ ע"ה זיך געפונען אין דרום־אַפריקע. חברים פון „יידישע בינע" האָבן זיך מיט אים פאַרשטענדיקט און אים איבערגעגעבן, אַז אויך מעלבורן קען זײַן אַ ווינקל פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן אַרטיסט.

אײן טאָג, זייענדיק אויף אַ פּראָבע ביי דער באַקאַנטער פּיאַניסטין מרים ראָכלין, איז אַרײַנגעקומען דער שוואָגער פון דער באַרימטער רעציטאַטאָרין און שוישפּילערין רחל האָלצער, מונדעק ערליך. דערוויסנדיק זיך אַז איך גרייט זיך צו אַ צווייטן קאָנצערט און אַז דער ערשטער איז אַדורך מיט דערפאָלג, זאָגט ער: אויב אַזוי, קען דאָך אייך מײַן שוועגערין קומען אַהער...

— ווער איז אייער שוועגערין? — פרעג איך אים, און איך באַקום דעם איבעראַשנדיקן ענטפער: רחל האָלצער. איך האָב מיט גרויס פרייד אים אָנגעהויבן צורעדן איר אַראָפּצוברענגען, ווייל איך האָב געהאַט גרויס אָנערקענונג פאַר אירע אויפטריטן אויף דער יידישער בינע אין וואַרשע.

און אָט אַזוי זענען געקומען די צוויי גרויסע בינע־קינסטלער, יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער, קיין מעלבורן. אין דער זעלבער צייט איז אויך געקומען דאָס פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן־פּאָרל, נתן און סאַראַ גינטער, פון אַרגענטינע.

מיט אַ מאָל איז מעלבורן באַרייכערט געוואָרן מיט צוויי טעאַטער־גרופּן. פון איין זייט דער „פאַראיין יידישע בינע", צו וועמען עס זענען צוגעשטאַנען יעקב ווייסליץ און רחל האָלצער און אויך נתן און סאַראַ גינטער; און פון דער אַנדערער זייט, דער „קדימה יידיש טעאַטער ווינקל" צו וועלכן מײַן ווייניקייט איז געוואָרן צוגעצויגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע טעאַטער־טעטיקייט פון ביידע דראַמאַטישע קרייזן. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ צושטאַנד האָט נישט געקענט פעלן — קנאה, און נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, שנאה. נישט אומזיסט האָט דער דיכטער מלך ראַוויטש, אויף זײַן געזעגענונגס־אָוונט ביים אָפּפאָרן פון מעלבורן, געוואָרפן דעם לאָזונג:

**זאָל הערשן ביי אייך קנאה, נאָר נישט חס ושלום שנאה...**

עס איז גוט צו זיצן איצט אין דעם וואַרעמען ישראל און דערמאָנען די שיינע איבערגעלעבטע שעפערישע יאָרן אין מעלבורן. און אויב עס וועט זיך אַ מאָל עמיצער נעמען אָנצושרייבן די געשיכטע פון יידן אין מעלבורן, זאָלן די דאָזיקע שורות אים צו נוץ קומען.

---

**sheraton**

*MAKERS OF FINE QUALITY CASUAL AND BUSINESS SHIRTS*

12 RIVER STREET, SOUTH YARRA, 3141

Telephone: 24-3238

רחל בעקער

# אַ „נייער מענטש״

## פעליעטאָן

קלינגט צו מיר זונטיק אין דער פרי אַ באַקאַנטע און זאָגט:

— רחל, עס קומט אונדז אַ מזל־טוב!

— וואָסי? וואָס איז דער מזל־טוב? מאַכסט חתונה די טאָכטער?

— נאָך מער...

— ביסט געוואָרן אַ באָבע?

— נאָך מער...

— טאָ וואָס איז? — פרעג איך שוין זייער פאַראינטריגירט.

— עס איז געבוירן געוואָרן אַ צענטער! —שרייט זי אַריין אין טרייבל מיט גרויס פרייד.

— וואָס פאַר אַ צענטער? — פרעג איך. אַ שאָפּינג־צענטער? אַ קולטור־צענטער? אַ ליבעריישן־צענטער?

— ניין — זאָגט זי.

— אַ יידישער צענטער!!!

— אַ ריין יידישער צענטער! — זאָגט זי.

קיין דאַך איבערן קאָפּ האָבן מיר נאָך נישט, אָבער דער פונדאַמענט איז שוין פאַראַן. און דעם דאַך וועלן מיר האָבן, ווען די זון וועט שיינען און דער דאַך וועט זיך צעבליען, וועט ער ווערן באַוואָקסן מיט בלעטער, וועלן מיר האָבן אַ „פּאַלנעם״ צענטער.

— ווי רופט מען אים? — פרעג איך.

— דיזענהאָף־צענטער — זאָגט זי, און איר שטימע איז פול מיט גליק. מען מוז שוין נישט פאָרן קיין ישראל כדי שפּאַצירן אַרויף און אַראָפּ אויף דער דיזענהאָף־גאַס אין תל־אביב. מיר האָבן אים דאָ, אונטער דער נאָז, אין באָטאַנישן גאָרטן. „אַי דאָנט מיין״ צו זיין אין ישראל, אָבער דאָס מאָל אַז דער עראָפּלאַן איז אַריין אין אַ „פּאָקעט״, איז מיר געוואָרן זייער שלעכט ביים האַרצן. איז מיר בעסער אין „באָטאַניקל גאַרדן״. דער גלאַוונע פונקט איז ביים נייעם קיאָסק. דאָס איז איצט געוואָרן דער טרעף־פונקט פאַר אַלע יידן.

דאָרט שפּאַצירט מען הין און צוריק, אַראָפּ און אַרויף, ווי איינעם גלוסט זיך. עס שטייען דאָרט אין אַ האַלב־קרייז בענק, און עמך זיצט צעזעצט קיין עין־הרע, אין דער לענג און אין דער ברייט. קופקעס יידן שטייען דערנעבן. און די שמועסן זענען הילכיקע. און די געלעכטערס זענען זאַפטיקע, אַז עס ווערט דיר וואַרעם אין אַלע אברים. און פון וואָס דו זאָלסט נישט אָנכאַפּן, ווערט דאָרט גערעדט און דיסקוטירט. עס דאַכט זיך דיר, דו ביסט אין „סערפערס־פּאַראַדאַיס״ אויפן „דעפּטאַק״. עס איז דאָ אַזוי ענג, אַז מען קען קיין שפּילקע נישט אַריינשטעקן. און אַז אַ פרעמדער — כ'מיין אַן אויסטראַליער — דאַרף זיך אַדורכשטופּן, קומט עס אים נישט אָן לייכט. נישקשה! מיר וועלן זיי פון דאַנען פאַרטריבן! עס איז אויסשליסלעך אונדזער גאָרטן און טוט אונדז עפּעס! די גריכן האָבן זיך באַזעצט ביים עלווּוד־ביטש — זענען די היגע אַנטלאָפן. מיר האָבן פאַרכאַפּט די ברייטן־ביטש... איז וואָס? טאָרן מיר נישט?

און וועמען טרעפסטו דאָרט נישט אין אַ שיינעם זונטיק לאַנטש־טיים?... פון דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן, ביז — אַ מאָל וואָלט איך געזאָגט — ביז שוסטער און שניידער, אָבער היינט זענען נישטאָ קיין יידישע שוסטער און שניידער... היינט זענען זיי „בילדערס״ און „מאַנופעקטשורערס״. מאַכסט אַ ראַנדעוואו מיט דיינע באַקאַנטע, קלינגט עס זייער ראָמאַנטיש: מיר וועלן זיך טרעפן אין באָטאַנישן גאָרטן נעבן קיאָסק.

— איז עס שוין, הייסט עס — זאָג איך — געוואָרן אַן אַדרעס? — בין איך נאָך אַלץ נישט זיכער.

— יאָ. מען האָט נישט באַדאַרפט מאַכן קיין געלטזאַמלונג, קיין פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע. דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ יידישער צענטער איז אונדז אָנגעקומען לייכט.

— אָבער וואָס וועט נעבעך ווערן פון עקלאַנדסטריט? מיר דאַכט, אַז די שאָפּס זענען איינגעשטעלט. אַז אַלע יידן האָבן זיך געטאָן אַ לאָז צום „קיאָסק״, וועט די עקלאַנד־סטריט חלילה ווערן ליידיק!

— זאָרג זיך נישט — באַרואיקט מיך מיין באַקאַנטע — דער קיאָסק ציט אונדז טאַקע, אָבער דאָס ביסעלע טשאָלנט, די געשמאַקע לאַטקעס, דאָס שטיקעלע געפילטע פיש, וואָס עקלאַנד־סטריט דערלאַנגט — דאָס וועט דער נייער צענטער נישט געבן. סיידן מיר זאָלן דאָרט אַריינזעצן אַן אייגענעם רעסטאָראַטאָר, אָבער דערווייל זעט זיך דאָס נישט פאָר...

— טאָ וואָס איז דער אויפטו? —וויל איך אַלץ דערגיין.

— דו מוזט פאַרשטיין, אַז אַזאַ צענטער איז פאַר אונדז זייער וויכטיק, און מיר האָבן אים געמוזט שאַפן — פאַרזיכערט מיר מיין באַקאַנטע. — פאָרן קיין „שעברוק פאָרעסט״ איז נאָך היינט צו קאַלט, עס גלוסט זיך נישט. גיין צום „ברייטן־ביטש״ און מאַכן אַ קערטל, איז מען באַדראָט. עס קען אָנהייבן רעגענען און מיר וועלן מוזן די קאָרטן־טישלעך איבערטראָגן אין דער „פּאָטשעקאַלניע״ וואָס געפינט זיך דאָרט. זיצן ענג אַריינגעשטופּט און שפּילן אין קאָרטן, איז אַ קנאַפּער פאַרגעניגן. בפרט, אַז אַ מאָל כאַפּט זיך נאָך אַריין אַ גריכישע משפחה מיט אַ סך קינדער, ווערט שוין גאָר ענג.

אָבער דאָ, אין „באָטאַניקל־גאַרדען״ זענען מיר מיט אַלעם פאַרזאָרגט. עס דראָט אונדז גאָרנישט. עס קאָסט אונדז גאָרנישט. מיר געניסן פון פרישע לאָפט. מיר זענען פאַרהיט פון יעדער נאַטור־קאַטאַסטראָפע. מיר זיצן נעבן וואַסער. מיר „פידן״ מיט „פּלעזשער״ די קאַטשקעלעך. מיר גייען אַ סך און פאַרלירן וואָג... מיט איין וואָרט — מיר האָבן אַ יידישן צענטער...

# 2-טער וועלט-צוזאַמענפאָר פון יידישע קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער אין ישראל

יעדער צוזאַמענטרעף פון מעלבורנער קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער מיט זייערע קאַמפּס־חברים פון ישראל און אַנדערע לענדער איז אַ גרויסע איבערלעבונג.

דעם 12־טן יאַנואַר 1977 ווערט געעפנט די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע קעמפער, קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער אין תל־אביב.

די קאָנפערענץ קומט פאָר אין אַ צייט פון שווערע אָנגריפן קעגן ישראל און דעם יידישן פאָלק מצד דעם אַראַבישן אימפּעריאַליזם און סאָוויעטישן קאָמוניזם.

פאַר די געוועזענע יידישע קעמפער־קאַצעטלער וועט די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ דאַרפן לייזן אַ סך פּראָבלעמען, וואָס זענען נאָך טיילווייז נישט געוואָרן רעאַליזירט, ווי אויך אויסאַרבעטן פּאָסטולאַטן צוגעפּאַסטע צו דער איצטיקער ווירקלעכקייט.

פאַר דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ וועט אויך שטיין די פראַגע פון פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אויף געביטן ווי: קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם; נעאָ־נאַציזם; ראַסיזם און אַראַבישן טעראָריזם. ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז מעלבורנער קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער אַנטשטייאונג פון יידישן וועלט־פאַרבאַנד פון די קרבנות פון נאַציזם.

אין 1964 איז אַ פינף־פערזאָניקע דעלעגאַציע פון מעלבורן געפאָרן קיין ישראל אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט ישראלדיקע קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציעס. דער ציל פון דעם צוזאַמענטרעף איז געווען: געמיינזאַם אָנצוהייבן אַן אַקציע פון שאַפן איין צענטראַלע קערפּערשאַפט וועלכע זאָל אויף אַ קאָאָרדינירטן אופן אָנפירן מיט די טעטיקייטן פון די פאַרשידענע פאַרבאַנדן.

גרויסע שטערונגען און שוועריקייטן זענען געלעגן אויפן וועג, ביז ס'האָט זיך איינגעגעבן איבערצוצייגן די פירער פון די יידישע פאַרבאַנדן וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין נישט־יידישע פאַרבאַנדן פון בריסעל און ווין, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין ישראלדיקן וועלט־פאַרבאַנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין מערץ 1970. אויפן ערשטן וועלט־צוזאַמענפאָר אין תל־אביב זענען געקומען פאָרשטייער פון 50 יידישע אָרגאַניזאַציעס פון 15 לענדער.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר איז געשטאַנען אונטער דער לאָזונג: געדענקען און נישט פאַרגעסן; איבערגעבן דעם יונגן דור די צוואה פון אומקום און גבורה פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. דער צוזאַמענפאָר וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה, מיט דער באַטייליקונג פון ישראלדיקע רעגירונגס פאָרשטייער, האָט צוגעגעבן דעם צוזאַמענפאָר גרויס אָנזען און גלייכצייטיק באַקרעפטיקט די דעלעגאַטן מיט מוט און אויסדויער אין זייער קאַמף קעגן אַנטי־ישראלדיקע גרופּן — אַראַבישע אָדער נישט אַראַבישע. אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיט ישראלס גערעכטן קאַמף פאַר שלום און זיכערהייט.

דער פאַראייניקטער יידישער וועלט־פאַרבאַנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ, האָט זיך פאַרפליכטעט צו פאַרשטאַרקן די טעטיקייט אויף אַלע געביטן וואָס פירן צו שטאַרקן ישראל און איר גערעכטן קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַקעגנצושטעלן זיך אַלע פרוון מצד אַראַבישע אָרגאַניזאַציעס אָנגענומען צו ווערן אַלס מיטגלידער אין די רעזיסטאַנץ אינטערנאַציאָנאַלן פון בריסעל און ווין. דער וועלט־צוזאַמענפאָר האָט באַאויפטראַגט די אויסגעוויילטע אינסטאַנצן אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט נישט־יידישע רעזיסטאַנץ אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע. די רעזולטאַטן פון דער צוזאַמענאַרבעט מיט נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס איז געקומען צום אויסדרוק אין יאַנואַר 1975, ווען ס'איז געפייערט געוואָרן אין ישראל 30 יאָר באַפרייאונג פון לאַגער אוישוויץ. צו דעם צוזאַמענפאָר זענען געקומען הונדערטער דעלעגאַטן און פערזענלעכקייטן — יידישע און נישט־יידישע — וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער באַאומרואיקונג וואָס אַ נייער היטלעריזם שטייט אויף, אין אַן אַנדערע פאָרם און אין אַ נייער פאַרב, נישט קיין האַקנקרייץ, נאָר אַ האַלבע לבנה הינטער וועלכן עס שטייט דער האַמער און סערפּ — דער עמבלעם פון קאָמוניזם.

די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע קעמפער, קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער וועט באַשטימט אַ יסודאַלן אימפּאָזאַנטער, ווייל אין דער קאָנפערענץ וועלן וואַרשיינלעך אָנטייל נעמען אַ גאַנצע ריי אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען ביז איצט נישט געווען אָנגעשלאָסן אין ישראלדיקן וועלט־פאַרבאַנד.

די מעלבורנער דעלעגאַציע צו דער צווייטער וועלט קאָנפערענץ וועט אָפּגעבן אַ באַריכט פון איר טעטיקייט פאַר די לעצטע זיבן יאָר און אויך אַריינטראָגן אַ גאַנצע ריי פאָרשלאַגן וועלכע האָבן פאַר אַ ציל צו שטאַרקן די טעטיקייטן פון די אָנגעשלאָסענע פאַרבאַנדן.

די אויסטראַלישע דעלעגאַציע וועט מיטנעמען מיט זיך אַ מתנה פאַר „יד־ושם" אין ירושלים — אַ מיניאַטור קאָפּיע פון מעלבורנער קדושים־מאָנומענט געשאַפן פון צוויי יידישע קינסטלער: ג. שאַיאַק און טש. אייזען.

וו. יאַבלאָנסקי

ישראל בעקער (תל־אביב)

# פּראָבלעמען פון יידישן טעאַטער

אויף דער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים (קאָמיסיע פאַר טעאַטער), האָט דער אַרטיסט ישראל בעקער געלייענט אַ רעפעראַט אויף דער אויבן דערמאָנטער טעמע. מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון דעם רעפעראַט.

— — — ווי אַ שוישפּילער פון פאַך, בין איך געוואוינט צו נעמען אַלץ וואָס מעגלעך, עס פאַראַרבעטן אין זיך. אַ פרעמדע חכמה איז אַ סך בעסער, ווי אַן אייגענע נאַרישקייט, און מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך באַמיט צו לערנען און אַריינעמען, איינזאַפּן אין זיך וואָס מער.

יאָרן לאַנג וואַרט מען אויפן וואָרט פון יידישן שוישפּילער און טעאַטער־מענטש. מען וואַרט מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש אויף דער רגע, ווען דער טעאַטער־מענטש וועט אָנהייבן רעדן, נישט מיט ווערטער פון ביכלעך, נישט פון פּיעסן, נישט פון אויסגעלערנטע ראָלן — נאָר פון זיך. וועגן זיינע קונסט־דאגות, זיינע ווייען און פריידן. אַז דער יידישער שוישפּילער זאָל דערציילן וואָס עס דריקט אים און מאַכט וואָכעדיק זיין שבת... מיר רעדן, קען מען זאָגן, צו דער גאַנצער יידישער וועלט. מיר רעדן היינט וועגן די סיבות פון קריזיס און צוזאַמענברוך פון יידישן טעאַטער — אָדער טעאַטער ביי יידן.

— — — 100 יאָר יידיש טעאַטער. פון 1876 ביז היינט. יאָ, ס'שטימט. טאַקע 100 יאָר. ווען מען קוקט זיך אַריין אַ ביסל טיפער, איז עס אפשר 200 יאָר און אפשר ציט זיך אונדזער אמתע יידישע טעאַטער־טראַדיציע אַ יאָר טויזנט. אָבער ס'איז, ווייזט אויס, זייער בכבודיק אונטערצוציען אַ הונדערטער. לאָמיר אים צעטיילן אין דרייען: פון 1876 ביז 1917; פון 1918 ביז 1940—1945 און פון דאַן ביז היינט. די ערשטע תקופה — אברהם גאָלדפאַדען און זיין פּיאָנערישער וועג. דער רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער — יעקב גאָרדאָן און זיין ביישטייער פאַר דער אַנטוויקלונג פון טעאַטער; די בשורה וואָס האָט געטראָגן מיט זיך די מאַמע פון יידישן טעאַטער אסתר רחל קאַמינסקאַ. די דריי גרויסע אָנהייבער און מיט זיי הונדערטער און הונדערטער שוישפּילער אין דער גאָרער וועלט, זענען געווען די אָנזאָגער און פּאָ:ען־טרעגער פון דעם אָנהויב. אין די יאָרן שאַפן אוןווירקן אויף דער יידישער טעאַטער־קונסט די קלאַסיקער מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ.

מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז די יאָרן 1918—1948 קאָנען פאַררעכנט ווערן פאַר דעם גלאַנץ־פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון טעאַטער ביי יידן. אויף אַ וואונדערלעכן אופן אַנטשטייען: די ווילנער טרופּע. די „הבימה״; דער מאָסקווער גאָסעט; דער וויקט; מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער. שפּעטער: דער יונג־טעאַטער; אַראַראַט; די איפּט טעאַטערן; די פאָלקס־בינע אין ניו־יאָרק; שטיינבערגס טעאַטער אין רומעניע און נאָך פיל, פיל אַנדערע וועלכע האָבן באַוויזן אָן שום צווייפל, אַז די יידישע טעאַטער־קונסט האָט אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט 1000־יאָריקע אָפּגעשטאַנענקייט און איז דערגאַנגען צו זעלטענע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אָט דער אומגעווייינלעכער אַנטוויקלונגס־שוואונג איז שרעקלעך איבערגעהאַקט געוואָרן מיטן חורבן, וואָס איז געקומען אויפן יידישן פאָלק אין איראָפּע. זעקס מיליאָן יידישע קרבנות פון דער נאַצי־תקופה פון איין זייט, און די אכזריותדיק ביי־זווייליקע ליקווידאַציע פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, און מיט זיי — די שרייבער, קינסטלער, פאָרשער און וויסנשאַפטלער אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן איבערגעלאָזן די שרעקלעכסטע השפּעה אויף דעם יידישן קולטור־לעבן אין דער גאַנצער וועלט.

אין וואָס איז געלעגן באַהאַלטן דער וואונדערלעכער כוח פון דער טעאַטער־תקופה? דאָס איז געווען אַ צייט פון אמתן יידישן טעאַטער מיט זיינע אַלע שאַטירונגען. דאָס איז געווען אַ טעאַטער־תקופה מיט אַ רוקן־ביין. מיט אַ וועלט־אָנשויאונג. דאָס טעאַטער האָט געצויגן זיין ערשטע יניקה פון דער יידישער אמונה און האָט זיך אַנטוויקלט פאַר יידיש גייסטיקע איביקייטן, און נישט נאָר פאַר אָרטיקע צופעליקייטן.

אָן שום ספק עקזיסטירט אַן אייגנאַרטיקע, אָריגינעלע יידישע טעאַטראַלישקייט. זי איז דאָ אין יידישן לעבן און קינסטלער מיט אַ חוש פאַר מאָס און וואָג, וויסן וואו עס צו געפינען. ווען איך רעד פון יידישער טעאַטראַלישקייט, זאָלט איר מיר, חס ושלום, נישט באַשולדיקן אין שמאָל קעפּלדיקייט. מיטן אַרויספירן אויף דער בינע טליתים, מזוזות און אתרוגים, מאַכט מען נאָך נישט קיין יידישע טעאַטער־קונסט.

טעאַטער־קונסט דאַרף מען זוכן אין דער טיף. אין די אַלטע בתי־מדרשים, אין די הגדה און מגילות, דאָרט ליגן אונדזערע וואָרצלען, דאָרטן הערן מיר דעם אָטעם פון יידישע פאָרמען.

— — — וואו איז אַהינגעקומען דער ענטוזיאַזם און ברען פון זיינע ערשטע צוויי תקופות? פאַר וואָס איז ער אַזוי פאַרמסחרט און אויף דער נידעריקסטער שטופע? פאַר וואָס איז ער געוואָרן אַזוי גרוי און פּרימיטיוו, עם־הארציש? ווי איז עס געקומען דערצו, אַז יידישע טעאַטער־קונסט איז אַזוי אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע פאָלקס אויפטוען און ווייט פון נאַציאָנאַלע זוכענישן און פריידן?

דאָס יידישע טעאַטער האָט נישט אין זיך מער קיין איין רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייט. דאָס יידישע טע־

אַטער האָט נישט קיין קינסטלערישע אידיי, און אַ טעאַטער־קולטור וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פּערזענלעכקייטן און איז נישט באַהויכט פון אידייען, איז אַ קינדערלאָזע טעאַטער־קולטור.

מיטן אָפּשטאַרבן פון איטציקן דור וועט ער נישט האָבן נאָך זיך קיין יורש, קיין נאָמען.

איך זאָג עס אויף אַלץ וואָס טוט זיך אין אונדזער יידישן לעבן אויף דעם געביט. אַלץ איז איינגעשלאָסן אין דעם מצב. אויך דאָס טעאַטער אויף עברית... אַלע צוזאַמען... איין סך־הכל.

— — — ביי דער זייט פון דעם גרעסטן וואונדער פון אונדזער תקופה — דאָס אויפשטיין פון מדינת ישראל, מיט איר אַנטוויקלונג און וואוקס אין אַלע שטחים, פּרואוון איינצלנע יידישע טעאַטער־קינסטלער ווייטער ציען דאָס דינע פּעדעמל פון עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער. יידישע אַקטיאָרן האָבן ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט און גייען פון איין יידישן ישוב צום אַנדערן.

די איינציקע וואָס פירן אַ כמעט סיסטעמאַטישע טעאַטער־טעטיקייט, וואָס קאָן דינען ווי אַ באַווייז פון מסירת נפשדיקן קעגנשטעלן זיך דעם פאַקט פון אויפהערן עקזיסטירן, זענען: די היברו עקטאָרס יוניאָן אין ניו־יאָרק; די פאָלקס־בינע; דאָס יידישע נאַציאָנאַלע פאָלקס־טעאַטער אין בוענאָס־איירעס; דער דוד הערמאַן־טעאַטער ביי דער „קדימה" געזעלשאַפט אין מעלבורן; דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער אין בוקאַרעשט.

באַדויערנסווערט און טרויעריק איז דער פאַקט, וואָס אַזעלכע גרויסע יידישע טעאַטער־שעפער ווי קאַמינסקאַ, בולאָוו שטייען איינזאַם, אַליין אין שווערן פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר יידישער טעאַטער־קונסט.

יידישע טעאַטער־קינסטלער זעען לעצטע מאָהיקאַנער . . .

— — — מיר לעבן איצט אין אַ מאָדנער צייט. עפּעס ווייסן מיר נישט גענוי ווי מען גיט זיך מיט איר אַן עצה. וואָס פאַר אַ פּנים האָט געדאַרפט האָבן אונדזער טעאַטער־קולטור נאָך דעם וואָס עס איז מיט אונדז געשען? וועלן מיר געפינען פאָרמען און ווערטער זיך אויסצודריקן אין אַ תקופה וואָס אויף איין זייט ליגט אויף איר דער שאָטן פון חורבן און אומקום, און פון דער צווייטער זייט דאָס ליכט פון וואונדערלעכן אויפקום פון מדינת ישראל. וואָס פאַר אַ אויפגאַבן האָט געדאַרפט נעמען אויף זיך דאָס יידישע טעאַטער? וואָס האָט געדאַרפט זיין דער רעפּערטואַר? ווי אַזוי האָט מען געדאַרפט היינט שפּילן טעאַטער?

אָנשטאָט געפינען און געבן אַ קלאָרע און דרייסטע תשובה אויף די פּראָבלעמען, האָבן מיר דערלעבט אַ מאַסיוון אַנטלויפן און אַן אַוועקוואַרפן פון אונדזערע קינסטלער דאָס אייגענע, און אַוועקלאָזן זיך איבער די פּרוכטגערטנער פון דער וועלט. ס'איז גאָרנישט שווער געווען די פרעמדע שטיפערייען, פאַרגרימענישן און צעלאָזנקייטן, וואָס דאָס וועלט־טעאַטער האָט פאָרגעלייגט. ווי שנעל עס זענען פאַרטאַכלעוועט געוואָרן באַגריפן ווי געוויסן; יושר; רחמים; מענטשלעכקייט וואָס זענען די הויפּט־באַגריפן פון אונדזער שאַפן. דערפאַר האָבן אָבער געפונען בכבודיקן פּלאַץ דער סקאַנדאַל, די גראָבקייט, דער ממזורישער אויפטו און שפּיצל. דער דעוויז איז געוואָרן: „מיט וואָס וועלן מיר היינט איבעראַשן?"

אָט די ביטערע ווירקלעכקייט האָב איך געזען אַם קלאָרסטן אין פאָריקן יאָר, ביי מיינע באַזוכן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דרום־אַמעריקע, מיטאַרבעטנדיק מיט די יידישע טעאַטער־קאָלעקטיוון, וועלכע זעצן פאָר זייער עקזיסטענץ אַ דאַנק דער געזעלשאַפטלעכער שטיצע און שוץ.

— — — מדינת ישראל שטייט היינט אין צענטער פון יידישן לעבן. זי איז דער באַראָמעטער פון טרוימען און פאַרצווייפלונג; התלהבות און זאָרגן; נאַציאָנאַלן שטאָלץ. דאָס איז די עובדה פון אונדזער נאָכן חורבנדיקן לעבן. אין איר טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און בטחון, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער מדינת ישראל און יידן אין ישראל זענען נישט פרעמד די זאָרגן פון די יידן אין די תפוצות. דאָס איז קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן דורך וויכטיקע פירער און טוער דאָ אין לאַנד.

אַ ביסל איז געטאָן געוואָרן אויפן געביט, וואָס באַשעפטיקט אונדז דאָ היינט. אָבער ווייניק! זיי זענען נישט געמאַכט געוואָרן דאָ אין ישראל פון יוצא וועגן. דער נישט געלונגענער פּרואוו מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק צו שאַפן אַ יידישן קונסט־טעאַטער אין ישראל, כמעט אויף מלוכהשע יסודות, האָט טראָץ זיין דורכפאַל נישט מיד געמאַכט די הענט פון די, וואָס פאַרשטייען די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אונטערנעמונג. מדינת ישראל און איר רעגירונג ווילן זען דעם אויפקום און נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אַזאַ אינסטיטוציע און ווילן טאָן אַלץ, כדי צו פאַרזיכערן איר קיום און שאַפונגס מעגלעכקייטן.

— — — דאָס אַלגעמיינע יידיש טעאַטער דאַרף געניסן פון די זעלבע באַדינגונגען און שאַפונגס מעגלעכקייטן, וואָס עס באַזיצט דאָס אָפיציעלע העברעאישע טעאַטער, און ס'קאָן נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר צווייטראַנגיקייט אָדער חלילה דיסקרימינאַציע, אויב די טעטיקייטן זענען פון נאַציאָנאַל יידישן כאַראַקטער, און פאַרמעסטן זיך מיט עכטע קונסט־קאַטעגאָריעס.

דער נייער „ייקוף" (ישראלדיקער יידישער קונסט־טעאַטער) וועט ציען זיין יניקה פון יידישע קולטור מקורות און ווערטן, און דאַרף זיין אַ בריק, אויף וועלכער עס וועלן זיך באַגעגענען און צוריקגעפינען אַלץ וואָס איז יידיש, אין ברייטסטן זין פון וואָרט. דער נייער „ייקוף" וועט פּאָפּולאַריזירן און נאָענט מאַכן די מקורות פון פאָלקס שאַפן; ברענגען צו דער יידישער וועלט דעם קינסטלערישן הויך פון אונדזער איצטיקער ווירקלעכקייט און שאַפן אַ דערנענטערונג צווישן די פאַרשידענע שבטים פון אונדז זיך ניי געפונען פאָלק.